STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08425

YORN, YORN MAYNE

Chaim Maltinski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



חײם מאַלטינסקי

יאָרן, יאָרן מײַנע...

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" מאָסקווע 1973

С(Евр)2
М 21

כאַים מאַלטינסקי איז געבוירן געוואָרן אין פּאָניעוועזש (ליטע) אין 1910. אין דער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז ער צוזאַמען מיט די עלטערן איבערגעפֿאָרן קיין וויטעבסק. די ערשטע לידער האָט מאַלטינסקי פֿאַרעפֿנט־לעכט אין 1925 יאָר אין דער צײַטונג „דער וויטעבסקער אַרבעטער".

שוין העכער פֿערציק יאָר, ווי דער דיכטער איז טעטיק אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. אין פֿאַרלויף פֿון דער דאָזיקער צײַט זײַנען דערשינען העכער צוואַנציק זײַנע זאַמלונגען.

כאַים מאַלטינסקיס לידער זײַנען פֿיל מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש און ווײַסרוסיש.

אין דער זאַמלונג „יאָרן, יאָרן מײַנע..." גייען אַרײַן לידער פֿון פֿאַרשיידענע פּעריאָדן פֿון זײַן שאַפֿונג. אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז געווידמעט דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, וועלכע דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט אַלס אָפֿיצער. פֿאַר זײַן אָנטייל אינעם קריג קעגן די דײַטשישע פֿאַשיסטן איז ער באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן. אין די שלאַכטן פֿאַר בערלין איז מאַלטינסקי שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן.

© *Издательство «Советский писатель», 1973 г.*

М $\frac{743-268}{083(02)-73}$ 287—73

הלר ליק אײןלט

* * *

מיט א קלומעקל
און מיט מײַנע צוואַנציק יאָר,
א נידעריטשקער און א דארינקער,
מיט אויסגעקרימטע פיסלעך,
אין צעריסענע, פארשטויבטע שטיוועליעטן,
און מיט א קאָפּ געקרויזטע האָר
פון אונטער היטל דעם סאָלדאטישן
דעם גלאַנציק־פּעטן,
אראָפּגעקומען בין איך אין דער גרויסער שטאָט
צו די פּאָעטן.
אלע מענטשן פון דער גרויסער שטאָט
קוקן נאָך מײַן הוילעך און מײַן טראָט.

זייער שטיקנדער געלעכטער יאָגט מיך אָן:
— שלעפּער איינער, ביסט שוין אונדז באקאַנט.

גראָבע יונגען גייען מיך פארבײַ
און לאכן אינעם פּאָנעם מיר ארײַן.

ווי א שיקער כ׳וואָלט א פריילעכער געווען,
וואָס יעדערער מיך העפקערדיק דערקענט.

ניט שוין זשע איז באוווסט זיי שוין דער סאָד
פון מײַן קומען אָט אהערצו אין דער שטאָט?

אז ווער זשע קען עס שטויסן זיך אָף דעם,
אַז אין קלומעקל אין מײַנעם, אין אַ העמד —

אײַנגעוויקלט, אײַנגענייט און אײַנגעדרייט
מײַנע לידער מיט אַ לעבל ברויט?

ניין, זיי ווייסן ניט, זיי ווייסן ניט געוויס,
וואָס אין קלומעקל אין מײַנעם, וואָס סע איז.

הער זיך אײַנעט...

1

— הער זיך אײַנעט, הער זיך אײַנעט!
— נו, איך הער שוין, נו, איך הער שוין!
טויזנט מאָל האָסט מיר געטײַנעט:
הער זיך אײַנעט, הער זיך אײַנעט,
און דו רעדסט ניט, און דו קלערסט אַלץ...

— נו, איז הער זיך אײַן צום לעצטן:
כ׳האָב דיך זייער... זייער... גאָרנישט...
— נו, איז גאָרנישט, טאַקע גאָרנישט.
גיי אַהיים און לייג זיך שלאָפֿן.
כ׳וועל מיט דיר שוין מער ניט ריידן.

. . . .

אָט אַזוי אין יעדן אָוונט,
ווען מיר דאַרפֿן זיך צעשיידן.

2

כ׳האָב ליב דײַן קורצן קאַס,
וואָס לויפֿט אָן, ווי אַ שאַרפֿער ווינט
אויף שטילער וואַסער
און דריקט צונויף די הענט דײַנע אין פֿויסטן.

און שטרעקט זיי אויס
ביז עלנבויגנס, אָנגעשטרענגט פּאָרויס,
ווי שוימרים צוויי פון ביידע זײַטן,
קומט צום שטערן צו,
מאַכט פון קנייטשן פיר א לייטער,
יאָגט אים דורך און לאָזט זיך ווײַטער
און קומט צו לויפן צו די אויגן א פארשײַטער,
שטראָמט אָן אף זיי אן אופגערייצטן ווייטעק,
פארגיסט דאָס גאנצע פּאָנעם מיט א רויטקײַט,
שנײַדט זיך אײַן אין ווײַטקײַט פון די שלייפן,
די אויערן דערגרייכט, —
און פלוצעם פלאצט
און קײַקלט זיך אין אָנמאַכט אף די ליפּן,
מאַטערט זיך און זיפעט
און ווערט צערונען
אין א ווילן, ווילן שמייכל.

* * *

וואָס זשע רירסטו, באַן, זיך,
וואָס זשע דאַרפסטו אײַלן?
דו וועסט נאָך באַוויַיזן
אומלויפן מיט מיַילן.
בלײַב א ווײַלע שטיין דאָ,
בלײַב כאָטש אַף א רעגע.
ס׳וועלן אַף דיר וואַרטן
אַלע דײַנע וועגן.
זעסט, פון יענעם פענצטער
שמייכלט מיר א מיידל.
מוז איך צו איר צוגיין
נאָך א מאָל זיך שיידן.
מוז איך איר א פּרעס טאָן
נאָך א מאָל די פינגער,
עס זאָל נעמען כרושטשען,
עס זאָל נעמען זינגען.
נאָר דער באַן איז ווײַט שוין,
ווײַט אַוועקגעפלויגן.
כ׳קאָן אים שוין ניט כאַפּן
אַפילע מיט די אויגן.
איז מיר נאָר פאַרבליבן
יענער גוטער שמייכל.
וועט מיר זײַן אַן אָנדענק,
וועט מיר זײַן א זייכער.

* * *

עס גייט שוין מײַן יאָר,
גערומען מײַן ריי. —
מײַן טײַערע, כ׳פאָר
אין דער רויטער ארמיי.

א פּילאָט וועל איך ווערן,
געפעלט דיר, געפעלט? —
ס׳איז דאָראָגין א העלד,
ס׳איז קאמאנין א העלד.

איך זע דאָך איצט גוט
אין דײַנע אויגן די שײַן —
אײַ, וואָלסטו וועלן
איך זאָל אזא זײַן.

קען איך דיר זאָגן,
איך בין שוין געווען,
איך האָב זיך שוין דאָרט
אין די צעטלען געזען.

שטילינקערהייט
כ׳האָב געגעבן א פרעג —
אין א שול פון די פליִער
מע שיקט מיך אוועק.

זע נאָר, מײַן טײַערע,
בלײַב מיר געטרײַ,
איך װעל װען־ניט־איז
נאָך פֿליִען פֿאַרבײַ.

און איבער דײַן שטאָט,
און איבער דײַן הויז, —
װעסטו צום הימל
קוקן אַרויס.

און אַנטקעגן דער זון —
פֿונעם זשומענדן שטאָל
װעט עפּשער נאָך פֿאַלן
אַ בריװל אַמאָל.

איך זע דאָך איצט גוט
אין דײַנע אויגן די שײַן —
אײַ, װאָלסטו װעלן,
עס זאָל אַזוי זײַן.

ס׳מוז די קלאָרקײַט בלאנקען

ס׳פלעגט, געדענק איך, אין קאזארמע זײַן מיר שווער
שײַערן און פוצן פון מײַן ביקס די רער.
ווישן מיטן שאָמפל ניט אזוי געקענט,
טאָן זאָל קעגן זון די ציכטיקײַט א בלענד.
און אין פעטס די פאקליע כ׳טונק איבעראנײַס,
מיטן שאָמפל רײַב איך ווידער שאָענווײַז.
און דערנאָך מיט שמאטקעס טרוקענע איך וויש,
גרייט א טאָג צו אָפשטיין בא דעם וואָפן־טיש.
כ׳גיב אן אויג א זשמורע, כ׳קוק אין רער ארײַן.
ס׳מוז די קלאָרקײַט בלאנקען, ווי די זונען־שײַן.
ס׳טוט דער קאָמאנדיר מײַן ביקס א נעם אין האנט,
הייבט מײַן הארץ אָן טיאָכקען, קלאפּן גאָכאנאנד.
און אז ער פלעגט זאָגן: „אָט אזוי איז גוט״,
איז בא מיר געווען די גליקלעכסטע מינוט.

פון דער רויטער ארמיי

אָט אזוי, ווי איך בין,
ווי איך גיי, ווי איך שטיי,
געקומען צוריק
פון דער רויטער ארמיי.

דער זעלבער געלעכטער
זיך קײַקלט אין מיר, —
נאָך היימלעכער, פרייִלעכער,
פרישער, ווי פריִ'ר.

מיט געזאנג אינעם גאנג,
און, ווי שטענדיק, אין פוס,
פון דער רויטער ארמיי
אײַך — א פלאמיקן גרוס!

ס'האָבן פרעסט מיך געשטארקט
אינעם אָפענעם פעלד,
און א טראָט, אז מיר שטעלן,
איז איינמאָל געשטעלט!

עס גייט אזש פון שטיוול
אף שטיינער א פונק;
און עס סמאליעט דער פראָסט,
מע איז פריש, מע איז יונג!

ביז פּלוצעם, מײַן װזװאָד
טוט א הילך אויס א ליד,
װערן װי קלאװישן
אונדזערע טריט.

שװימט מיר אנטקעגן
דער װעג אזוי גרינג, —
איך װער גאָרניט מיד —
איך מארשיר און איך זינג!

ס'טרעפט...

ווער זשע איז דאָס מענטשעלע,
וואָס גייט און רעדט צו זיך? —
וואָס זשע, איר דערקענט אים ניט,
איר זעט ניט? — דאָס בין איך!

שפּאַנט ער אַלע גאַסן אויס
רונד־אַרום דער שטאָט —
ניט ער רעדט צו קיינעם ניט,
ניט ער רעדט צו גאָט.

אין פריילעכקייט, אין אומעטקייט,
אין שאָטן און אין ליכט;
אָט שפּאַנט ער שטיל, אָט שטעלט ער זיך,
אָט לויפט ער אומגעריכט.

ער הערט איצט ניט דעם שטאָט־גערויש,
דאָס געקלינגעריי,
זיין געטרייע כאַווערטע
לויפט ער אויך פאַרביי.

עס לייגן זייבע ליפּן זיך
צונויף ווי אין אַ גראַם —
ס'איז דאָס מאָדנע מענטשעלע
אַ דיכטער מינאַסטאַם.

ער גייט, און אלע גאסן
זײַנען אים א קאבינעט.
ער לאכט צו זיך, ער שרײַט צו זיך,
ער זינגט צו זיך און רעדט.

וואָס זשע, איר דערקענט אים ניט,
איר זעט ניט? דאָס בין איך —
אָט דאָס מאָדנע מענטשעלע,
וואָס גייט און רעדט צו זיך.

* * *

גיי איך שטאָלץ, מע זאָל ניט וויסן,
דעם געקרויזטן קאָפּ פאַריסן.

כ׳האָב געהאַט א גרוס א קלאָרן —
האָסט א טאָכטערקע געבאָרן.

און דײַן מאַן — א יונג א בראַווער
און דאַפקע ניט קיין קאָטשעראַווער.

ווערט ער, מײַן פאַרדראָס, צערונען...
כ׳זע דיך הײַנט אין זיבן זונען.

און איך שיק א טעלעגראַמע:
— א גרוס דיר, יונגע מאַמע!

דאָס מיידל, וואָס איז אלט זיבעצן יאָר

דער פּילאָט שליסט אויס דעם מאָטאָר.
מײַן אָטעם ווערט שטילער, דינער.
דאָס מיידל, וואָס איז אלט זיבעצן יאָר,
קריכט פון דער קאבינע.

גאפט דאָס גאנצע אעראָדראָם־פעלד,
גאפט און באוווּנדערט.
דאָס מיידל האָט זיך אפן פליגל ארופגעשטעלט
און זיך אָפּגעזונדערט.

בלאנקט אויף מײַן פרייד, ווי א שווערד,
וואָס טוט זיך א ריס פונעם שיידל,
צווישן הימל און ערד —
דאָס מיידל!

ווי א דונער קײַקלט זיך אין מײַנע שלייפן דאָס בלוט:
— טײַערע, גיכער!
צענעם שוין דעם פאראשוט,
וועסטו זײַן זיכער.

נאָר אן אקשנטע. זי האָט צײַט,
זי וועט אים נאָך פאנאנדערלאָזן...
— מיידל טײַערע, ביסט דאָך שוין ניט ווײַט,
דו זעסט דאָך שוין מענטשן, גראָזן.

איך האָב מײַנע הענט פאַנאַנדערגעשפּרייט,
איך וויל זי כאַפּן...
נאָר פּלוצלינג פאַר פרייד
נעם איך פּליעסקען, קלאַפּן.

דער שירעם־פּאַראַשוט איבער איר,
ווי אַ ליכטיק בלימל.
און זי שוועבט און שוועבט צו מיר,
ווי אַ מלאך פון הימל.

* * *

פריי זיך, זונעלע, צוויטשע, פײַף!
נעם איך דיך ארומעט שטײַף!
ווארף מיט פיסלעך, בריקע זיך,
מיט די הענטלעך דראפע מיך.

דראפע, קרעל מיר אָן מײַן שטערן.
וועלן מערער קארבן ווערן,
וועל איך נעמען מערער קלערן,
וועל איך, זונעלע, קליגער ווערן.

פאר די שיינע שוועסטערלעך,
פאר די קליינע ברידערלעך
זינגט דײַן טאטע לידעלעך.

באנאכט

זון מײַנער, נו, ווער אנשלאָפן!
זונעלע, אנשלאָפן ווער.
ס׳איז א בער ארײַנגעלאָפן, —
הערסטו, — אָט־אָ טופּעט ער.

וויל עס גאָר מײַן זון ניט הערן,
און ער קערט זיך אויס צו מיר:
— ניין, דאָס זײַנען ניט קיין בערן —
ס׳שטייט די מאמע הינטער טיר.

זאָג איך אים: — ס׳איז ניט די מאמע,
זון מײַנער, נו, שטילער זײַ! —
אײַ, דער בער וועט שוין, מיסטאמע,
מיר ניט העלפן סײַוויסײַ.

ס׳לאָזט זיך גאָר מײַן זון ניט נארן
ניט מיט לייבן, ניט מיט וועלף;
און עס טוט אים גאָרניט ארן,
וואָס דער זייגער איז שוין צוועלף.

זון מײַנער, נו, ווער אנשלאָפן!
זונעלע, אנשלאָפן ווער.
ס׳איז אהער ארײַנגעלאָפן...
אז איך וויים אליין ניט ווער.

ניט קיין העלפאנד, ניט קיין טיגער,
קיין שום כּיַע העלפט מיר ניט,
און עס גענעצט דער פארוויגער
אין דער נאכט אין סאמע מיט.

ביז עס קריגט מײַן זון ראכמאָנעס,
מאכט אליין דערצו א סאָף,
ער דרייט אויס צום וואנט דאָס פּאָנעם:
— טאטע, גיי אוועק, איך שלאָף.

כ׳הייב זיך אוף אף די שפּיץ פינגער
און איך דעק אים בעסער איַין,
און מײַן ווײַב זאָגט: — אוי, א יינגל,
נאָר געזונט זאָל עס מיר זײַן.

דער קוקאָוועס בענטשן

ווען איך זאָל ווערן דער קוקאָווע גלויבן,
און זי האָט דאָך מיר אזוי געשוואָרן,
איז מיר אָנגעצייכנט פון אויבן
נאָך אָפּצולעבן א שאָק מיט יאָרן.

א פויגל זאָל א מענטש אזוי פארגינען,
דארף מען דאָך די קוקאָווע שטארק ליבן.
ווען כ׳בין געגאנגען פארביי וואלד באגינען,
האָט זי היינט א ביסל איבערגעטריבן:

„קו־קו" און „קו־קו" אָן א סאָף, אָן אן ענדע.
ס׳קאָן דאָך ניט זיין, איך זאָל אזוי לאנג לעבן.
ווען ס׳איז אזוי, וואָלט איך אין ארענדע
א טייל פון מיינע יאָרן אָפּגעגעבן.

אָדער איך וואָלט זיי גלאט מיינע פריינט צעטיילן,
און ווער וואָלט דאָס בא מיר ניט גענומען קיין יאָרן?!
איך גיי פארביי וואלד און הער ניט אויף צו צײלן,
אין א באגינען, א ליכטיקן, קלאָרן.

און כאָטש כ׳בין אן אפיקוירעס, ווי די מערהייט מענטשן,
און איך ווייס, אז דאָס איז אלץ א ליגן,
נאָר אין א זומער־פרימאָרגן איז דער קוקאָוועס בענטשן
צו הערן א פארגעניגן.

איך ווייס ניט, וואָס טוט מען...

— איך ווייס ניט, וואָס טוט מען
דער קאָפּ טוט מיר וויי.
זאָגט מיר דער זון מײַנער:
— גיב אים א דריי;

גיב אים א קער
אהין און אהער —
וועט ער שוין דעמלט
ניט וויי טאָן דיר מער.

— איך האָב אים, מײַן זון,
אי געדרייט, אי געקערט,
נאָר גרויס איז דער ווייטעק,
אַלץ ערגער עס ווערט.

זאָגט ער: — וואָס דארפסטו
אזא מין־אָ קאָפּ,
נעם אים און ווארף אים
אינגאנצן אראָפּ

און קויף פאר א קאָפּקע
א קאָפּ אפן מארק,
וועט ער ניט וויי טאָן
און האלטן זיך שטארק.

— א דאנק דיר, מײַן לעבן,
א דאנק דיר, מײַן זון,
איך האָב גאָר ביז איצט
ניט געוווּסט פון דערפון.

מיסטאָם, ווו מע שטייט
מיט די ליימענע טעפּ,
מוז מען אויך האנדלען
מיט ליימענע קעפּ.

דער קאַרשנבוים

באַ מײַן פענצטער שטייט אַ קאַרשנבוים
מיט קאַרשעלעך פאַרשאָטן.
אין גליִענדיקע זומער־טעג —
אַ כּיִעסדיקער שאָטן.

און ניט אַזוי דער קאַרשנבוים,
ווי פון הויף די קינדער,
וואָס קומען צו, ווי פּיקסעלעך,
קומען און פאַרשווינדן.

גיי איך אַרויס און בייזער זיך:
— ס׳איז גרין נאָך, ס׳איז ניט פאַרטיק. —
לאַכן זיי און קוויקן זיך
און זאָגן: ס׳איז גרויסאַרטיק.

און ווײַזן: סאַראַ רויטינקע,
זעט נאָר, ווי זיי פינקלען;
צעגייט זיך שוין אַ שמייכעלע
פון מײַנע מויל־ווינקלען.

און ס׳נעמט מיך אויך אַ גלוסטעניש
קאַרשעלעך צו רײַסן,
דערפילן עס די קינדער גלײַך
און הייבן זיך אָן פלײַסן.

און איינער פון די יאטעלעך
איז שוין צוגעגאנגען:
— אָט־אָ דאָס־אָ צווײַגעלע
קאָן איך גלײַך דערלאנגען.

ווער איך ווידער ברויגעזדיק:
— ניין, זאָג איך, מע טאָר ניט.
אָט נאט, אָט גיט אף מיר א קוק —
זיי ארן מיך א האָר ניט.

בא מײַן פענצטער שטייט א קארשנבוים
מיט קארשעלעך פארשאָטן.
אין גליִענדיקע זומער־טעג —
א כּיִעסדיקער שאָטן.

* * *

יאנקא קופּאלען

וואָס קאָן שענער זײַן,
וואָס איז פּאסיקער,
ווי צו קענען זיך
מיט א קלאסיקער?

ס׳טרעפט, אין גאסן גייסט
א פארדײַגעטער —
פּלוצלינג זעסטו,
ווי פארבײַ גייט ער.

אונטער אָרעם טראָגט ער זיך
א פּעקעלע.
אף דער האנט זיך וויגט בא אים
דאָס שטעקעלע.

און די אויגן זײַנען פול
מיט שטראליקײַט,
מיט ברייטהארציקער
קופּאליקײַט.

און פון ליפּן
זיך א שמייכל וועבט,

אינעם שמייכל
וויפל סייכל לעבט.

מיט הארץ מיט קלאפנדן
איך דערנעענטער זיך,
מיט זײַן שמייכל
צו מיר ווענדט ער זיך.

שטרעקט די האנט מיר אויס,
פרעגט, ווי גייט עס מיר.
קוק איך שעמעוודיק,
שטארק דערפרייט עס מיך.

וואָס קען שענער זײַן,
וואָס איז פאסיקער,
ווי צו קענען זיך
מיט א קלאסיקער.

* * *

כ׳האָב קליינערהייט זיך שטאַרק געשעמט
די לידער מײַנע לייענען דער מאַמען.
אַרומגעטראָגן זיך מיט זיי אין שטוב,
ווי אין דער פרעמד,
און ס׳פלעגן מיר די באַקן מײַנע פלאַמען.

איך פלעג אין אַלקערל אין פינצטערן אַרײַן,
איבער די זײַטעלעך פאַפּיר געהיים זיך בויגן.
און איצט, מיר דאַכט, אַז זי האָט סײַוויסײַ
געלייענט יעדער ליד אין מײַנע אויגן...

* * *

די זון די פײַערדיקע זינקט אין יאַם,
סאַראַ טויט, סאַראַ גרינגער!
אפֿן לײַב פֿון יאַם בלײַבט אַ רויטער שראַם,
און וואָלקנדלעך — גאָלדענע רינגען.

נאָר וואָס באַטרעפֿט עס באַ דער זון דער טויט, —
דאָס שפּילט זי דאָך פּאָשעט טעאַטער, —
באַגינען וועט זי ווידער אופֿגיין רויט,
איבערן לײַב מײַנעם מיט פֿײַער פּלאַטערן.

דער ווײַנטרויב וועט רײַפֿן, און אין העלער שײַן
וועט זיך פֿאַנאַנדערשפּראָצן די ליבע,
און אין אָוונט וועט די זון אַפּסנײַ אין יאַם אַרײַן,
אוועקשטאַרבן אָן קיין שום סיבע.

און איך שטיי מיר באַם ברעג פֿון יאַם,
קוק, ווי די זון זיך ענדיקט;
איך דערשפּיר פֿון עמעסן טויט דעם טאַם —
דאָס פֿאַרגיין אָף שטענדיק, שטענדיק...

איך וועל אַנטרינען אין דער קאַלטער ערד,
זיך קיינמאָל שוין אין ערגעץ ניט ווײַזן.
שווער עס ווערט, זייער אומעטיק ווערט,
נאָר אַ האַרץ איז דאָך שטאַרקער פֿון אײַזן.

עס פּלאַצט ניט דאָס האַרץ, ווײַל אין רעגע אָט דער
דערהער איך א באַסקאָל: כאַ!ם!
ס'איז דאָס מײדל פֿון וויאַזמע. און כ'טרויער ניט מער,
און איך לויף שוין, דעם אָטעם פֿאַרטײַעט.

אין ביטערע שלאכטן

סאָף יון איין און פערציק

מיט צעבײַלטע, צעבלוטיקטע פיס
כ׳שפאַן אָף מאָליעווער טראַקט,
בא א באָמבע־וואָראָנקע
א קינד ליגט צעהאַקט.
ס׳יאָגן מינסקער מיך אָן,
נאָר מע שטעלט זיך ניט אָפּ
און מע פרעגט ניט „וואָס הערט זיך״,
א שאָקל מע טוט מיטן קאָפּ
און מע זעצט פאָר דעם וועג —
ס׳איז געווען אין די פינצטערע טעג
פון סאָף יון איין און פערציק.

— — — — — — — — — —

אונטער לעפּעלע נאָגט,
שוין דעם אנדערן טאָג
אין מײַן מויל האָב איך גאָרנישט געהאַט.
מיט ווייטעק, מיט פּײַן און מיט קלאָג
איבער האַלדז בין איך זאַט.
נאָר עס נאָגט אונטער לעפּעלע, ס׳ציט...
און פאַרכאַלעשטע ווערן די טריט.
עס שווינדלען די גרויזאַמע גריבער.
כ׳שטויס אָן זיך... ס׳ליגט ווידער א טויטער.
ניט ווילנדיק כ׳טרעט אים אריבער.

כ׳טו אף הינטער א קער זיך —
אף מינסק הענגט א וואָלקן, א וואָלקן א רויטער...
און ביז מאָליעוו — א וועלט נאָך מיט גאנג.
ס׳קריכט טונקל א נאכט, ווי א שלאנג —
מײַן ערשטע שוין היימלאָזע נאכט...
און פאָרויס — א גרויסע מילכאָמע,
אן ערשטע פארביסענע שלאכט.

אין דער זעלבער רעגע

אין שלאכט געוועזן מיטן טויט כ'בין אויסגעקניפּט
און ניט געטראַכט, וואָס זײַן וועט מיט מיר שפּעטער.
געקלערט האָב איך, ווען כ'גיב איין פויזע נאָך,
איין קלעטער...
און פון דעם סנײַפּערס שיסערײַ שוין ניט געציטערט וואָלט
מײַן ליב, —

געגאַנגען וואָלט איך מיר גאַנץ רויִק מיט טראַנשייען,
און אונטערפײַפן זיך און שטיל זיך פרייען:
„אהא, פּאַסקודנע סנײַפּערל, גאָר א ראַכמאָנעס,
אומזיסט־אומנישט געפּאַטערט האָסט אף מיר פּאַטראָנעס;
וואַרט צו, אָט קלינג איך אָן אין מינאָמיאָטנער ראָטע,
און מאַכן וועט זי פון דיר אַש און בלאָטע".
נאָר ס'קומען אוף דערבײַ שוין אַנדערע געדאַנקען,
ווי כאַפּט מען זיך אַרײַן בעשאָלעם אין זעמליאַנקע,
אַז כ'זאָל פון סוינעס איין סנאַריאַד ביז צו דעם צווייטן
ד'ערלעבן ווי־ניט־איז, די צוואַנציק מעטער דורכצולויפן...
גלײַך ווי א פעלד־מויז שווינדלט דורך דער טויט,
כ'באַווײַז אים גאָרניט צו באַטראַכטן:
אַזויפיל האַוועניש און אַרבעט אין די שלאַכטן —
עס בלײַבט גאָרניט קיין רעגע צײַט אף צו באַקלערן,
אַז כ'קאָן דאָך אין דער זעלבער רעגע
טויזנט מאָל געהאַרגעט ווערן.

א פריוואל אף רעכטס

דער לעצטער מארש צו דער טראנשיי, צום שלאכט.
מיר שפאנען מיד און מאט דורך טיפן שניי.
א לאנגן דאָרף מיר גייען דורך נאָך האלבע נאכט.
די לאָדנס, טיר־און־טויער זײַנען צוגעמאכט...
!Шире шаг,— טוט דער קאָמבאט גלײַך א געשריי.

און אײַליק שטעלט מען טריט; דאָס לעצטע הויז פארבײַ,
און ס׳לעשט זיך אויס די האָפענונג אף א פריוואל...
אין א שטוב א ווארעמער, צי אין א שטאל
איצט אײַנצונורען זיך און כראָפען פרײַ, געשמאק!
— אָן קיין שום ריידערײַען, !Шире шаг

און ווידער פעלד און שליאך און פונדערווײַטן וואלד...
ס׳איז הייס, עס דאָרשט אזוי, און שטיקלעך שניי איך שלינג,
סאָלדאטן שושקען זיך — צי א פריוואל איז באלד...
א ליכטיקע לעוואָנע אונדז דעם וועג באשטראלט,
נאָר ס׳ווערט פון דעם ניט גרינג.

דעם פײַנט זײַן גאָרגל בין איך דורכצוגריזשען גרייט,
אז יעדער גליד — א טראָפּן אָפּרו לעכצט.
נאָר פלוצלינג זיך צעהילכט אין לופטן: „א פריוואל אף רעכטס!״
ס׳צעשיטן זיך די ראָטעס איינס און צוויי;
מיר גיבן זיך א וואלגער אפן שניי.

מיִוס־טײַך

אין דרײַ־און־פערציקסטן אף מיִוס־טײַך.
אין טאמעזדיקער היץ
געשטאנען זײַנען מיר
אין שטיינערדיקער ערד צעגליטער;
אין אונדזער באטאליאָן
געוואָרן איז שוין שיטער;
צום ווירטשאפטלעכן ווזוואָד
דערגאנגען איז די ריי,
דער קאשעוואר געשטעלט זיך האָט
באם קוילנוואָרפער אין טראנשיי.
אין פײַער איז די ערד.
א שפּליטער אף א שפּליטער.
עס שמעלצט די זון זיך איבער די געהארגעטע,
ס'איז עטעמען ניטאָ מיט וואָס...
פון זונען־גלי און פון סנאריאדן־קלעפּ
צעסארפּעט איז שוין יעדעס גראָז.
געשוואָלן איז פון דאָרשט דער גומען.
און גייסטו צו צום טײַך,
די גאל דיך קערט —
ס'איז אָפּגעסאמט די לופט
מיט בארמינען־געדוך
פון מענטשן און פון פערד.
נאָר מיר זײַנען אקשאָנעסדיקערהייט
געשטאנען ביזן סאָף;

ווי מוילוואָרפֿן געגראָבן זיך צום פֿײַנטס טראַנשײ
מיט פֿאַרבאַהאַלטענער פֿרייד
און, גוויוער זײַענדיק דעם שלאָף
אין קאַלטער נאַכט,
צום אָנגריף זיך געגרייט...

די מינוט די אויסדערוויילטע

פארן אָנהייב פון אטאקע
די מינוטן לאנג זיך ציִען...
כ׳גיב א קוק אף די סאָלדאטן,
ווי די אויגן בא זיי גליִען.
אָנגעגרייט די אווטאָמאטן,
אין טראנשײַ מיר שטייען שטומע...
ס׳איז דער גאנצער האס צום סוינע
אין איין קנויל צונויפגענומען!
ווי דאָס הארץ בא יעדן טיאָכקעט,
קען מען הערן דײַטלעך זייער.
אפן שוווּנג פון די ראקעטעס
ווארט שוין יעדער רויטארמייער.
און ווי גרויזאם איז די שטילקײַט
פון די רעגעס די געציילטע...
דאָך זי קומט מיט פרייד מיט גרויסער,
די מינוט די אויסדערוויילטע.
ס׳טוט א רעווע די קאטיושע,
אונדזער ארטילעריע־פײַער!
ווערט שוין אפן הארצן היימלעך
און עס עטעמט זיך אָפ פרײַער!
סטײַעס קוויטשיקע סנאריאַדן
פון דעם מעכטיקסטן קאליבער,
זײַלן פלאמען, פעך און שוועבל
טראָגט זיך איבער אונדז אריבער...

און די דאָטן און די דזאָטן,
און דעם סוינעס זיבן דראָטן
ווערן גלײַך מיט טויט פאַרשאָטן!
לויפֿן מיר מיט פרייד־געשרייען
צו די דײַטשישע טראַנשייען —
קעפּ צעהאַקטע, שטיקלעך וואָפֿן!
און דער וועג איז פֿאַר אונדז אָפֿן!

ס׳איז געווען אונטער ווארשע

נאָך קינדווײַז כ׳האָב א קלאָלע געהערט:
„קײַען זאָלסטו די ערד״ —
כ׳האָב עס דאן ניט פארשטאנען.
מיר זײַנען אונטער ווארשע געשטאנען.
ס׳האָט געפאקט מיך דער דײַטש
אף א פעלד אף א גלאטן,
מיך באהאָגלט מיט פײַער
פון שווערע הארמאטן.
געקנאָטן די ערד ארום מיר —
כ׳בין געקראָכן אף אלע שוין פיר.
מײַן בליק האָט גענישטערט א גריבל
דעם גוף צו פארדעקן.
א שפאלט כאָטש דעם קאָפּ צו פארשטעקן.
געפײַפט האָבן שפליטערס, אף מיר זיך געשאָטן,
און גראָד אזא גלאטקײַט ארום,
כאָטש פארקריך אונטער אייגענעם שאָטן.
ליג איך פארטײַעט און שטום;
מיט ביינער און ריפּן,
מיט מויל כ׳האָב זיך שטײַף צו דער ערד צוגעפרעסט,
נאָך שטײַפער, ווי צו מיידלשע ליפּן.
ס׳קריכט דער זאמד אין די ציין, אפן גומען,
און דאָס פײַער מיך דרעשט,
און די שפליטערס נאָך מער זיך צעזשומען.

און דאַן האָט זיך פּלוצעם צעשמייכלט
מײַן רויִקער ניכטערער סייכל:
„קײַען זאָלסטו די ערד״ —
איז דאָס איצט דיר באַשערט.

פֿול מיט פֿײַער

ווען ס׳נעמען מיך מאכשאָוועס עגבערן, זיך קנוילן,
דאַן האָב איך ליב אַרײַנצופּרעסן אין אָבוימע קוילן.

און פֿון טראַנשיי אין סוינעס זײַט
אויסצולאָדן זיי פֿאַרשײַט.

כ׳האָב ליב באַנאַכט פֿון פֿולעמיאָטן
פֿײַערן אַף סוינעס ערד־שטיבלעך און דראָטן.

ווײַל ס׳קאָן דאָך גרײַלעך זײַן, מע קאָן ניט וויסן,
אַז ס׳האָט מײַן ווילדע קויל אַ דײַטש דעם קאָפּ צעריסן.

ס׳קאָן זײַן, ניט איינעם, נאָר אַ גאַנצער פּלוימע.
כ׳האָב ליב אַפּסנײַ אַרײַנצופּרעסן קוילן אין אָבוימע.

ס׳ווערט דאַן דאָס לעבן טויזנט מאָל מיר טײַער,
ווען פֿול איז, ווי אַן אויג, מײַן פּיסטאָליעט מיט פֿײַער.

אין מארש

א שלונג וואסער פון פליאשקע געגעבן.
דאָס העמד איז צום לײַב צוגעקלעפּט.
דער פּארטאָרג מײַנער לעקסין דערנעבן,
ווי איך, א טויט־מידער זיך שלעפּט.

כ׳קוק אָן אים, מײַן כאווער מײַן ליבן;
ער פארשטייט מײַן געדאנק אקוראט:
„וויפל זײַנען הינטערשטעליק געבליבן, —
ס׳טאָר ניט אָפּשטיין קיין איין סאָלדאט״.

כ׳לאָז דורך פארבײַ זיך אלע ראָטעס,
כ׳הייב די שטימונג מיט וואָס נאָר איך קאָן:
מיט א שמייכל און ווערטל. פעכאָטנער
הארציק־לײַבלעכער באטאליאָן!

פאזע פראָנט אף בערלין מיר שפּאנען.
דער דריטער מעסלעס שוין אדורך.
א רויטארמייער איז אָפּגעשטאנען,
שלעפּט זיך קוים און איז בלייך, ווי א טוך.

ס׳איז דער אָטדעליאָנער גאוורילאָוו,
אף זײַן אקסל דער האנט־פּולעמיאָט.
מיט אלע מײַנע כושים דערפיל איך,
ווי שווער ס׳קומט אים אָן יעדער טראָט.

3—38

זאָג איך צו אים: — גאַווריִלאָוו, ברודער!
פֿאָר אונטער א ביסל, ביסט מאַט. —
הייבט ער אויף זײַנע אויגן גוטהאַרציקע:
— א דאַנק, כאַווער זאַמקאָמבאַט.

איך זעץ אים אַרויף אַף א פֿורל
פֿונעם ווירטשאַפֿטלעכן ווזוואָד.
ווי נעמט מען נאָך שטײַפֿקײַט און גוווּרע,
ווען די מידקײַט צעשווינדלט זיך האָט?

דער געדאַנק, אַז מ׳יר זיגן, מאַכט גרינגער,
דער געדאַנק, אַז ס׳איז נאָ׳נט שוין בערלין,
מאַכט מוטיקער, שטײַפֿער און ייִנגער,
נײַע קויכעס און קראַפֿט איך געפֿין.

און כ׳יאָג שוין צוריק אָן די ראָטעס,
א היימלעכן פֿיר איך געשפּרעך:
— עס איז דאָך אַספֿאַלט, ניט קיין בלאָטעס,
איז ציט ניט די פֿיס, ווי פֿון פּעך.

אין ראָטע אין פֿינפֿטער געפֿין איך
קונעצאָוון מיטן אַקאָרדעאָן.
— א פֿריילעכס דערלאַנג! בערלין איצט
גייט שטורעמען דער באַטאַליאָן!

אין פעלד־שפּיטאָל

עס גליט די ווונד,
דו קריצסט די ציין,
דו וואַרטסט, ס'זאָל קומען
נאַכט צו גיין...

אָט קומט די נאַכט,
אויף אירע הענט
עס פלאַמט דײַן שלייף
און העליש ברענט.

אין פײַער־היץ
דו שרײַסט, דיר דאַכט:
דו פירסט דעם באַטאַליאָן
אין שלאַכט...

...עס זשומעט, גרילצט
אַ מעסערשמידט,
און טרעפט מיט קוילן
אינדערמיט.

אַ באָמבע קוויטשעט
איבער קאָפּ,
דו קײַסט די ערד
און שלינגסט אַראָפּ.

דו קײַסט און שלינגסט
און קוקסט מיט פרייד, —
שוין קוים דערלעבט,
די זון פארגייט!..

דעם לעצטן קרײַז
א שפּארבער מאכט.
עס קומט דײַן רעטער אָן —
די נאכט...

נאָר אז די ווונד,
זי גליט און ברענט,
איז ווארפסטו אום
די שוואכע הענט...

געפינסט זיך ניט קיין אָרט
פון פּײַן...
— אוי, שוועסטערקע,
ווי שלאָפט מען אײַן...

ס׳ווערט ביטער, גאליק
אף דער צונג.
איז בעטסטו:
— שוועסטערקע, א טרונק!

און ווידער שרײַסט
און קריצסט די ציין,
און ווארטסט, ס׳זאָל קומען
טאָג צו גיין...

אין אוראַלער שפּיטאָל

גענוואָרע ווערן קומען אונדז זונטיק די שעפן,
די אַרבעטער פון אוראַל־בוי.
מײַן בעט לעבן טיר, און דער ערשטער כ׳וועל טרעפן
דעם שעף — די אוקראַיִנישע פרוי,
וואָס ליב איז און נאָענט אַזוי.

— טערענטיעוונע, גרייט פאַר די שעפן כאַלאַטן! —
דערמאָן איך דער שוועסטער שוין ס׳ווײַפלטע מאָל.
וואָס ליגן בײַשכנעס מיט מיר די סאָלדאַטן, —
זיי לאַכן גוטהאַרציק פון מיר אַף א קאָל.
נאָר כ׳טו זיך מיר מײַניקס און ווער ניט ניספּאָ׳ל.

איך גרייט צו א שטול פאַרן גאַסט פאַרן ווילן,
אין שפּיגעלע קוק איך און פּוץ זיך און קאַם.
„זײַ רויִקער, כאַווער!״ — מײַן האַרץ כ׳טו באַפּוילן.
נאָר ס׳שטורעמט מײַן האַרץ, ווי דער יאַם:
— מײַן טײַערער שעף, ניט פאַרזאַם!

...אַרײַן ט׳זי צופרידן, די הענט וועט זי רײַבן
פון שטעכיק־אוראַליקער קעלט.
און קוקן אַף אונדז און נאָכעס ט׳זי קלײַבן —
אין פּאַלאַטע איז וואַרעם און העל.
און טייקעף זי צורופן כ׳וועל.

מײַן שיסער־באַטאַליאָן

איך בלאָנקע איצט אַרום
אין די מאַכשאָוועס מײַנע נאַרישע פּאַרטאָן
און זע גאָרניט פֿאַר זיך,
קיין מענטשן, קיין טראַמװײַען און מאַשינעס.
פֿאַר די אויגן שוועבט אַדורך
מײַן שיסער־באַטאַליאָן —
רויטאַרמייער, יונג און אַלט
מיט פֿריילעכע און טרויעריקע מינעס.
אַלע אייוורים שוין
פֿאַרגליווערט האָט דער פֿראָסט;
אַז אין טראַנשיי
מע טאָר קיין פֿײַערל ניט צינדן.
אַ יונגער מאָלדאַוואַן
מיטן היטל רײַבט דעם ראָסט,
אַז פֿון דעם אַווטאָמאַט
דער זשאַווער זאָל פֿאַרשווינדן.

אפֿן ברוסטווער —
די גראַנאַטעס ליגן גרייט,
און ווי די שטיינער — שטיקער ברויט,
נאָר קיינעם פֿאַלט ניט אײַן צום ברויט זיך צוצורירן.
עס האָט זיך אויסגעמישט
דאָס לעבן מיטן טויט,
און פֿון געטראַנק אָט דעם —
עס ברענען די געהירן.

דעם פופצנטן יאנוואר.
אף ווִיסלע־טײַך —
די קאנאָנאדע
הייבט זיך אָן באגינען.
מיט רויטארמייער קוש איך זיך:
— מירן אופהייבן זיך גלײַך,
און דאן די שלאכט
שוין אף געוויס געווינען.

אין ווינקל פון טראנשיי
אן עלטערער סאָלדאט זיך שטייט
און קוקט מיך אָן
מיט טריבע, טרויעריקע בליקן...
— פעטערקע, דו גלייבסט אין גאָט? —
זײַן פאָנעם גלײַך באשײַנט א פרייד, —
טאָ, העלף דיר גאָט
דעם פײַנט דערשטיקן.

מיר נעמען זיך ארום;
ער דריקט מיך צו צו זיך.
ס'איז ביידן אונדז דאָס לעבן
גינציק־טײַער.
א ייִד א גלויביקער — איז ער,
א ייִד אן אפיקוירעס — איך.
און ביידע קריכן מיר —
אין פײַער.

אפּרעל פינף און פערציק

צי איך גיי דורך די גאַס, צי איך פאָר אין טראַמוויי,
קוק איך אײַן זיך אין מענטשן מיט נײַגער מיט גרויסן,
פאַר מײַן אויג איז איצט יעטווידער דורכגייער ניי,
נאָר ניט אים בין איך אויסן.

נו, איז טרעפט, וואָס און ווען איך זוך
אַזוי פּראָסט, אָפּנהערציק?
מיט די קושיות מיט אַלע כ'דערשפּיר דעם גערוך
פון אפּרעל פינף און פערציק.

אין די פאָרשטעט בערלינער, אין סאַנבאַט שפּעט באַנאַכט.
אויף אַ ליכטיקן טיש טו איך ליגן.
מע האָט ערשט אויף אַ פור מיך צו פירן געבראַכט
און קאַפּויער די ווענט און די לאָמפּן זיך וויגן.

דאָס מיידל דאָס בלאָנדע אין גומענעם שירץ
אומגעשווינדלט מיר האָט פאַר די אויגן.
מיט צעטריקנטע ליפּן דאָס מיידל איך אירץ,
האָט זי שטיל זיך צו מיר אָנגעבויגן

און זי גלעט מיר די הענט. האָב איך פּלוצלינג דערזען
מײַן מאַמען מיט פּײַנפולע בליקן...
און דערנאָך האָט אַ מעסער געטאָן מיך אַ ברען,
כלאָראָפאָרם גענומען מיך שטיקן.

אין שפּיטאָלן געווען, עס איז אלץ שוין פאַרבײַ.
ס׳איז א יאָר שוין און מער דורכגעפלויגן.
נאָר אז כ׳גיי דורך די גאַס צי איך פאָר אין טראַמווײַ,
זוכן אלץ מײַנע נײַגעריקע אויגן

דאָס מיידל דאָס בלאָנדע — דער יונגער כירורג,
וואָס זי האָט זיך געמיט מיך צו רעטן
און מיט ליבשאַפט אף מיר, ווי מײַן מאמע, געקוקט
און די הענט מיר ניט אופגעהערט גלעטן.

אז עס קומט דער פארנאכט...

איך פריי מיך שוין איצט
אין אן אנדער גאָר הויז,
נאָר ניט דאָס איז דער איקער.
אז עס קומט דער פארנאכט,
איז מײַן בענקשאפט צו גרויס,
כאָטש צערײַס זיך אף שטיקער.

דאן טו איך מיר אָנעט
מײַן גרויען שינעל —
מײַן כאוועד אין שלאכטן.
ביז טונקל סע ט׳ווערן,
איך גיב מיך א שטעל
גיין מײַן אָווער באטראכטן.

מײַן ליכטיקער אָוועד
איז דאָ גאָר ניט ווײַט —
אף דער גאס אף דער אנדערער.
נאָר דער גאנג מיר
געדויערט אהינצו א צײַט;
כ׳בין שוין איצט ניט קיין וואנדערער...

גאָר די וועלט כ׳בין צופוס
מיט סאָלדאטן אדורך,
אזש פון וואָלגע ביז שפרייע.

און סע נעמט מיך נאָך אלץ ניט
דער רועך,
ווי אן אלטע מאטבייע.

אין פעכאָטע צו דינען
איז פריילעך און גוט,
נאָר איך וועל שוין מער „לעוואָי" ניט שרײַען.
אין מײַן פוס אין מײַן לינקער
רינט הילצערן בלוט
און די מוסקלען — פון לעדער פון נײַעם.

נאָר אָט איז ער, דער ראָג,
אין די שלייפן קלאפט שטארק,
מיר אנטקעגן מײַן קינד פלעגט דאָ לויפן:
— אוי, טאטע,
די מאמע אוועק איז אין מארק
א טאנק מיר צו קויפן.

און שלעפט מיך באם ארבל:
— איך וועל פונעם טאנק
זיך אין היטלערן צילן...
מײַן פרוי — זי פלעגט זיצן
אף יענער־אָ באנק,
בא דעם בוים פלעגט מײַן זונעלע שפילן.

נאָר עס פרייען זיך דאָ שוין
גאָר אנדערע לײַט,
גאָר אנדערע פרויען און קינדער.

איך שטיי א געפּלעפּטער באַם הויז
אָן דער זײַט,
און מײַן ווײ ווערט ניט לינדער.

ביז טונקל עס ווערט...
נאָר אין זינען בא מיר
די מאַכשאָוועס זיך וועקן און וועקן;
אויף די פענצטער איך קוק,
אויף דער אָפענער טיר,
און לייג שטאַרקער זיך אָן
אויף מײַן שטעקן.

נו, און וואָס זאָל איך גיין
ד׳ולן מענטשן א קאָפּ;
כ׳האָב ביז ווייטעק די ליפּן פאַרביסן.
פונעם שפּיץ פון דעם בוים
הייבט זיך אופעט א ראָב —
אַט בא אים וואָלט איך מער זיך דערוויסן...

אָ, דער ראָב געדענקט גוט,
ער׳ט פאַרזוכן געמוזט
פון דער בלוטיקער פינצטערער סודע,
ווען מײַן פרוי ט׳מען געשטופּט:
„קריך שוין גיכער אין גרוב
זאַלבאַנאַנד מיט דײַן קלייניקן יודע״.

אזא פויגל ווייסט זיכער
דאָס גרויליקע אָרט,
סימאָנים אהין מוז ער האָבן.
נאָר אז גיי טײַטש זיך אויס
מיט א מענטשלעכן וואָרט
מיט די פינצטערע ראָבן.

איך פריי מיך שוין איצט
אין אַן אַנדער גאָר הויז,
נאָר ניט דאָס איז דער איקער.
אַז עס פאַלט צו די נאַכט,
איז מײַן בענקשאַפט צו גרויס, —
כאָטש צערײַס זיך אויף שטיקער.

ווען איך פארמאך די אויגן...

ווען איך בלײַב מיט מײַן ווייטעק באַנאַנד,
כ׳לייג אַרויף אָף די אויגן מײַן האַנט
און דערזע: אַפֿן וועלאָסיפּעדל
פֿאָרט נאַפּאָליע מײַן זון דורכן סעדל,
שרײַט און לאַכט אַזוי האַרציק און זיס:
— היי, פֿון וועג אַראָפּ, שטרויענע פֿיס!
און דאָס הינטל, די קאַץ און די הינער
אים מיט אָפּשײַ דעם וועג טרעטן אָפּ.
כ׳לויף אַ קוש טאָן אין גאָלדענעם קאָפּ.
נאָר זײַן פּאָנעם ווערט בלייכער, ווערט דינער,
און די אויגן — פֿאַרצויגן מיט גרויל,
און דאָס דאַרינקע קערפּערל — הויל,
אויך זײַן לעצטן געשריי הער איך בוילעט —
מײַן איינציקן יורש מע קוילעט...
בין איך קוקן שוין מער ניט אימשטאַנד,
כ׳רײַס אַראָפּ פֿון די אויגן מײַן האַנט.

אין א נאכט אָט אזא

אין א ליכטיקער נאכט
גייט א פּאָרל פארבײַ —
שטיל און שא...
און דער באָכער באמערקט:
— סארא קלינגעוודיק, בלענדיקער מוילעד.
און דאָס מיידל באמערקט:
— אין א נאכט אָט אזא
ט׳מען מײַן שוועסטער געקוילעט.

. . . .

די לעוואָנע אנטרינט...
ס׳לויפט מײַן פרוי צווישן וואָלקנס געשווינד
צעשויבערט, האלב־נאקעט,
די אויגן צעפלאקערט,
אין א וואָלקן זי וויל זיך באהאלטן,
נאָר ס׳יאָגן זי אָן גלײַך די שווארצע געשטאלטן,
ווי קלאָווים, ווי וועלף זיי באפאלן.
פון איר קלאָר־ווײַסער ברוסט —
רויטע טראָפּנדלעך טריפן און שאלן.

. . . .

שוועבט מײַן פרוי צווישן וואָלקנס —
אן אייביקער ליכטיקער וווּנדער.

4*

פֿון דער לעוואָנע נאָך שענער, נאָך ווײַסער און רונדער.
דערזעט זי מיך פּלוצלינג
און שענקט מיר א שמייכל א ליבן:
— ביסט לעבן געבליבן.

ער האָט אלץ מיך נאָך ליב

געגאנגען מיט מיר ז׳ער דורך טויט און דורך פײַער.
ער קושט מײַנע טריט, ווו א קער זיך איך גיב.
ר׳האָט אלץ מיך נאָך ליב,
מײַן שאָטן געטרײַער.

געהאוועט, געשמײַעט, ווי איך, נאָכאנאנד,
און דירעוודיק שטענדיק און מונטער.
ווי איך, גייט ער איצט מיט א שטעקן אין האנט,
און ווי איך — הינקט ער אונטער.

ביידע רוען מיר אַפּ מידערהייט בא א פלויט;
זיך ווישן דעם שווייס פונעם שטערן.
איך וואָלט וואָס מײַן גינציקן שאָטן פארטרויט,
נאָר איך וויל זײַן געמיט ניט באשווערן.

אף זײַנע לענגלעכע פיס כ׳וואַרף א טרויעריקן בליק,
צווישן ליפּן פארשטיק איך דעם שמייכל, —
ווען ר׳האָט כאָטש א טראָפּעלע סייכל,
פארשטייט ער דעם וויי,
אז האָלץ גאָר א שטיק
איז דאָך איינע פון זיי,
נאָר כ׳בין אים, מײַן טײַערן, מויכל.

געגאנגען מיט מיר ז׳ער דורך טויט און דורך פײַער,
ער קושט מײַנע טריט, ווו א קער זיך איך גיב.
ר׳האָט אלץ מיך נאָך ליב —
מײַן שאָטן געטרײַער.

אין דין־געשליפן גלאָז

איך לעב שוין ווידער אין א ריינער און געהייצטער שטוב,
מײַן טיש מיט ביכער פול, און ס׳שײַנט א לאָמפּ א העלער.
עס שיט זיך מער קיין זאמד ניט אף מײַן טשוב,
דעם קאָטיעלאָק פארביטן אף א טעלער.

מיט טיי־לעפעלע כ׳מיש אין דין־געשליפן גלאָז,
אף יעדער זאך פון פרידן רוט די שכינע.
ווען זודיק איז די טיי, פאמעלעכקע דו בלאָזסט
און טראכסט — ווי גוט, וואָס ס׳פײַפט שוין ניט קיין מינע.

פון פארמילכאָמע־צײַט זיך האָבן אומגעקערט
צו מיר מײַנע געווינהײַטן און זיטן.
אן איבעריקער גרילץ — דעם אויער מיר באשווערט...
און פון א צוגווינט כ׳הייב מיך אָן צו היטן.

איך גיי צום פענצטער צו — א פײַערדיקער פראָסט,
דערהערסט פון גאס די סקריפּענדיקע שנייען.
דערמאָנסט זיך, ווי געטוליעט שטײַף דו האָסט
צום אײַז — אין פארקאָלייעטע טראנשייען.

פארשטומטע הויכע הימלען איבער דיר:
אזויפיל קאלטע, טויטע שטערן.
א פוס אָן פוס דו קלאפּסט, פארפרוירן ווערסטו שיר
און ווייסט גאָרניט, צי ווערסט דערוואַרעמט ווערן...

איך לעב שוין ווידער אין א ריינער און געהייצטער שטוב.
מײַן טיש מיט ביכער פול, און ס׳שײַנט א לאָמפּ א העלער.
עס שיט זיך מער קיין זאַמד ניט אױף מײַן טשוב,
דעם קאָטיעלאָק פארביטן אױף א טעלער.

אַ מוטער באָדט איר אייפּעלע

דאָס בלוט פון שלאכט האָט אָפּגעשײַנט, ווי שקיִע אין די אויגן.
ווי די גראַנאַטע, ז׳האַרט געוווען אין פראָסט דאָס ברויט.
אין איין שערענגע איז געגאַן מיט אונדז דער טויט —
כ׳האָב שטענדיק גוט געפילט זײַן שאַרפן עלנבויגן.
איך, דער סאָלדאַט, דער פּראָסטער, אויסגעשולטער,
וואָס ניט פאַרלוירן כ׳האָב מײַן קאָפּ אין קריג,
וואָס קען זײַן איצטער ליבער פאַר מײַן בליק —
זען, ווי אַ מוטער באָדט איר אייפּעלע אין מולטער?
איר אויסגעשפּרייטע האַנט אין כוואַליעס וויגט זיך.
און ס׳פּליעסקעט זיך דאָס קינד און קוויקט זיך,
און ווי דערמאָנט זיך, אַז דאָס וואַסער איז צו וואַרעם,
עס הייבט אויף אַ געשריי און אַ געליאַרעם.
איך קוק מיט סימכע פול — דאָס שענסטע אַפן ערד־קײַלעך,
ווען ס׳קינד מע נעמט אַרײַן אין פרישן, קלאָרן לײַלעך,
און באַ דער פולער ברוסט אַנשטילט סע ווערט,
ווען ס׳זויגט אַזוי פאַרטיפט די זיסטע זאַפטן אַף דער ערד.
צו אַלדי שוואַרצע יאָר די ווייסטע קריגן!
לעבן זאָלן, וואַקסן זאָלן קינדער אין די וויגן!

די ליד וועגן דער רויטער פאָן

איך דאַרף ניט, ליבער פריַינט, קיין קאָמענטאַר,
און קיין שום טנועס כ׳דאַרף דערביַי ניט מאַכן,
ווען כ׳זינג די ליד, וואָס קלינגט אויף אַלע שפּראַכן,
די ליד וועגן דער רויטער פאָן.

מע האָט אַמאָל געטוליעט זי אין שוואַרצער נאַכט
אויף אויסהענגען באַגינען צווישן גראַטעס.
ווי אַ וווּנדער־פויגל האָט זי פריַי געפלאַטערט
איבער לעבנען אין גרויסער רעוואָליוציע־שלאַכט.

עס האָט די פאָן דעם פּאַשעטן סאָלדאַט
גערופן און געמוטיקט אויף די וועגן,
אין שווערע, ביטערע געשלעגן
פאַר די אויגן האָב איך שטענדיק זי געהאַט.

און ווען אין שלאַכט פאַר אונדזער ערד
האָט פון מיַין וווּנד דאָס הייסע בלוט גענומען שלאָגן,
און ווען מע האָט מיך אויף די הענט אַוועקגעטראָגן,
האָב איך דאָס רוישן פון דער רויטער פאָן געהערט.

איך דאַרף ניט, ליבער פריַינט, קיין קאָמענטאַר,
און קיין שום טנועס כ׳דאַרף דערביַי ניט מאַכן,
ווען כ׳זינג די ליד, וואָס קלינגט אויף אַלע שפּראַכן,
די ליד וועגן דער רויטער פאָן.

* * *

ווען ס׳פּלעגט דער פֿײַנט א שאָס טאָן פֿון הארמאט,
שוין גלײַך מיט כעזשבן פֿול געווען מײַן קאָפּ איז:
אין וויפֿל צײַט ארום ס׳וועט דער סנאריאַד
א דונער טאָן אף אונדזערע אָקאָפּעס.
מיר פֿלעגן נאָך פֿון ברוסטווער אין טראַנשיי
באווײַזן ס׳קענדעלע מיט טיי באהאלטן.
זיך אויסגעלערנט טיפֿן פֿײַן און ווײ
באזיניקן מיט ניכטערקײַט מיט קאלטער.
נאָר מער פֿון אלץ האָט מיך אין שלאכט געשולט —
דאָס אײַזנפֿעסטע רוסישע געדולד.

אף איין פוס

די בושלען געשענקט

ווען כ׳גיב זיך מיר א שטעל שוין
אף איין פוס
אין איינעם פון די הארבסטיקע פארנאכטן,
די וועלט ארום באטראכטן,
איז האָב איך אויך אין דעם א שטיקל פרייד
און א געגוס...
ווײַל איך דערזע,
ווי אף דער סאזשלקע דאָרט שטייט
א קאָפּיע פון מיר —
דער בושל פון מאָזיר,
פארגליווערט אף איין פוס, ווי שלעפערדיקערהייט,
און גיט זיך מיט קיין איינעם ניט קיין ריר.
איז ווער איך בא זיך יאָמטעוודיקער דאָן.
איך בין דאָך ענלעך אפן ציפּויר — דעם באָטשאָן,
פאר וועלכן די פּאָליעסער דיכטער
זײַנען מינאסטאם
גרייט זיבן מאָל צו גיין אין פײַער און אין פלאַם.
איז לאָזט זיך אויס. אז דאָס איז אויך א זכוס —
די וועלט ארום באטראכטן אף איין פוס.

מיט זין מיט סאמע טרײַע

דאָס לעבן יאָגט גאַלאָפּ,
נאָר דער זיקאָרן — לויטער.
אָט ערשט געטראָגן כ׳האָב
מײַן האַלדזטיכל מײַן רויטן.

אָט ערשט אין קאָמסאָמאָל
א דרייסטער יאט געוואַקסן,
א ביקס צום ערשטן מאָל
געטראָגן אַף די אַקסל.

פון יענע טעג ביז הײַנט
איז דורך ניט איין געוויטער.
איך דאַרף זיך מוידע זײַן —
געכאַפּט אַמאָל א ציטער...

נאָר פאָרט איז מיר באַשערט
מיט זין מיט סאמע טרײַע
פאַר אונדזער מאמע־ערד
צו גיין דורך פלאַם און פײַער.

און וויפל שטייט נאָך פאָר,
סײַ געננג און סײַ נעסיעס,
ס׳איז אָבער איינס מיר קלאָר —
די יאָרעלעך, זיי פליִען...

און ס׳ווערט אין קאָפּ מיר ענג,
איך דריי מיך אומגעדולדיק.
כ׳פארגעס ניט, איך געדענק:
איך בין פיל מענטשן שולדיק —

ווער ס׳האָט מיט מיר געטיילט
אין שלאכט דעם לעצטן ביסן,
ווער ס׳האָט מײַן ווונד געהיילט, —
איך וויל אים זען, באגריסן.

דאָס לעבן יאָגט גאלאָפּ,
נאָר דער זיקאָרן — לויטער.
אָט ערשט געטראָגן כ׳האָב
מײַן האלדזטיכל מײַן רויטן.

* * *

איך בײַל צונויף אין פּויסט מײַן קויעך.
אקשאָנעסדיק מײַן מאזל בוי איך.
געווען צעשטאָכן און צעלעכערט
מײַן מאזל איז. שוין קיין געדעכעניש,
געדוכט, פון אים וועט ניט פאַרבלײַבן.
נאָר ס׳לויכט אפּסנײַ די זון אין שײַבל,
א שטראַל האָט זיך אין שטויב פאַרפּלאָנטערט.
און ס׳איז בא מיר שוין ווידער יאָמטעוו.
מײַן מאזל פּוץ איך און איך שײַער
און פּורעם עס און שלײַף אין פײַער,
אין צונטער־רויטע זונען־פלאַמען.
איך קוש פאַר פרייד דיביימער־שטאַמען,
די פרישע קנאָספּן, גרינע בלעטלעך,
און ווי א קינד מײַן מאזל גלעט איך.
„ווי אלט איך בין?״ — מיט שמייכל פרעגסטו.
איך צייל דעם צענדליק שוין דעם זעקסטן,
נאָר וואָס איז פון דערין געדרונגען? —
איך ענטפער דיר — מײַן הארץ נאָך יונג איז!
איך בײַל צונויף אין פּויסט מײַן קויעך.
אקשאָנעסדיק מײַן מאזל בוי איך.

אפֿן גאַנעקל

(נאָוועלע)

דאָס שטעטעלע באַקוקן... — הערן כ׳קאָן ניט.
דאָס גאַנעקל, דאָס גאַנעקל דערמאָן ניט...
דער ערשטער שניי, געדענק איך, האָט
געשאָטן,
אַרויסגעלאָפֿן באָרוועס כ׳בין אָן אָטעם.
פֿאַר שרעק אונטערן גאַנעק כ׳בין פֿאַרקראָכן,
דער פּאָליציי מײַן מאַמען האָט דערשטאָכן
אַפֿן גאַנעק...

כ׳ליג אונטער די טרעפּלעך.
פֿון גרויל איך שטופּ אַרײַן אין מויל די צעפּלעך
און הער דער מאַמעס לעצטן קרעכץ דערנעבן
און זע מײַן מאַמעס האַנט דורך ברעטער־שפּאַלטן,
אַ שטיין בין איך, אַז כ׳האָב עס אויסגעהאַלטן
און געבליבן לעבן...
דאָס שטעטעלע באַקוקן... — הערן כ׳קאָן ניט.
דאָס גאַנעקל, דאָס גאַנעקל דערמאָן ניט...

* * *

געהאָגלט האָט אַף מיר מיט שפּליטערס און מיט פֿלאַם,
און גלייבט מיר, אַז איך ווייס געוויס פֿון טויט דעם טאַם.

נאָר ניט פֿאַרלירן כ׳פֿלעג מײַן פֿריילעכן געמיט.
און דאָך קיין גרויסער העלד און גיבער בין איך ניט.

אָט האָב איך דאָך אַדהײַעם מוירע פֿאַר אַ בין
און פֿאַר דער פּריטקער יאַשטשערקע און שפּין.

איך שרעק מיך אויך, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר אַ מויז,
און כ׳זאָג אײַך שוין דעם גאַנצן עמעס אויס,

אַז קעגן גרינעם גלאַנץ פֿון קאַצן־בליק
איך טרעט מיט כּשאַד, מעטושטעש אָפּ צוריק.

זינט דאַן

זינט דאַן,
ווען כ׳האָב דערוווּסט זיך, ווי מײַן מאַמע־לעבן
איז מיט מײַן זון געשטאַנען בײַ די געטאָ־דראָטן
און האָט איר גאָלדן קדושן־רינגל אָנגעבאָטן,
מע זאָל איר אײניקל כאָטש אַ קאַרטאָפליע געבן,
און ווי אַ שאָטנדל ז׳געווען מײַן קינד מײַן
טײַערס, —

זינט דאַן
אָן סינע כ׳קאָן אױף גאָלד ניט קוקן.
גלײַך ס׳צינדט זיך אָן אין האַרץ בײַ מיר אַ פֿײַער.
און ס׳נעמען מײַנע אַקסלען צוקן, צוקן...

נאָך יאָרן קריג

אין מײַן פּאַרטראַכטעניש
איך שטעל מיך ראַפּטאָם אָפּ
און כאַפּ א קוק — וווּהין זשע גיי איך?
ערשט איצט פאַרשטיי איך —
א טרויעריקן שמייכל כ׳גיב — עך, דולער קאָפּ,
דו האָסט אזש אָנגעשפּאַרט
צו דײַן פאַרמילכאָמעדיקער דירע,
ווו יעדן אָוונט האָט געוואַרט אַף דיר
דײַן זון — דאָס צוויטשערל, דײַן לירע.
ער פלעגט אקעגן מיט א לאַדעניש ארויס:
„האָסט מיר געבראַכט א רויטן בלײַער?
איך האָב דאָך אויסגעבויט א הויז,
גאַר אָן א רויך און אָן א פײַער...״
איז בלײַב איך שטיין, געגליכן צו א פערד,
וואָס קומט אליין צום הויף, צו דער סטאַדאָלע.

נאָך יאָרן קריג
און יאָרן פינצטערער בעהאָלע
בין איך געגאַן אין די מאַכשאָוועס מײַנע טיף פאַרקלערט,
און האָב פאַרבלאָנדזשעט צו מײַן ליבן הויז,
נאָר קיינער קומט אנטקעגן ניט ארויס,
און כ׳גיב א צי די לייצעס אַף צוריק...

קוקו, דערקענסט מיך?

קוקו, דערקענסט מיך? ס׳בין איך דאָס, דײַן כאַווער,
גוטמאָרגן דיר, טײַערע, ליבע קוקאַווע.
אַ קוק כאַפּ פון צווישן די בלעטער און צווײַגן —
איך בין עס, איך, כ׳וועל דיר זיכער ניט לײַגן.

און זאָל דיך ניט שרעקן מײַן שטעקן, מײַן קוליע.
איך האָב אים צום בוים, ווי דו זעסט, צוגעטוליעט.
געדענקסט יענעם יוני־באַגינען דעם קלאָרן?
געשענקט האָסט מיר דעמלט אַ מאַטמען מיט יאָרן.

נאָר ס׳זײַנען באַפאַלן מיך שיידים און גרוילן,
פאַרוואַנדלט די יאָרן אין באָמבעס און קוילן.
די ליכטיקע יאָרן פון לידער און ווײַנען
פאַרוואַנדלט זיי האָבן אין בלוט און אין פּײַנען.

נאָר אַלע ניסיוינעס, און פּײַנען, און ליידן
דאָך ניט געקאָנט מיט מײַן מוט מיך צעשיידן.
דו בענטש מיך אַצינדער מיט לידער מיט נײַע,
האַרציקע מײַנע, קוקאַווקע געטרײַע!

1945 — 1941

טויזנט יאָר אפילע ווען איך לעב,
וואָלט מיר סײַווי נישט ארויס פון זינען
די טראנשיי, דער פײַף און גרילץ פון מינעס,
דער געוואַי פון באָמבעס איבער קעפּ.

ס׳איז דער גלי און בראנד פון בייזער שלאכט
אין געביין ארײַן, אין יעדן אָדער.
און די כוואליעס פונעם ווײַטן אָדער
קלאפּן אין מײַן הארצן טאָג און נאכט...

דער קלאָרער שיין

ווינטער אין ביראָבידזשאַן

און אָנהייבן איך וועל דערפון:
ביראָבידזשאַנער ווינטער־זון,
צו זײַן מיט דיר אין גאַס באַטאָג,
ווי ווויל עס איז! דײַן העלקײַט שעפן,
די אויגן זשמורען זיך און קלעפן, —
צוויי פולע אויגן שײַן איך טראָג.
וואָס צויבער־ליכטיקײַט! דערצו
מיט עמער פול פון ערגעץ־ווו
א מיידל מיר אנטקעגן גייט.
אין וואַסער שטיקער זון זיך צאַפּלען,
און בא דעם מיידל פון שוואַרצאַפּלען
טוט זונען־שײַן א שפּריץ פאַר פרייד:
— מיר דורכגיין, פּעטערל, דערלויבסט,
אין מאַזל דעם, מיסטאָם, איר גלויבסט? —
אַנטבלויזט זי ווײַסע פּערל־ציין.
נישטוימעם שטיי איך א געפּלעפּטער,
איך וואָלט א באַלן זײַן וואָס עפּטער
צו טרעפן אזא מאַזל־כיין.
דאָס מיידל אין א הויף אַנטרינט.
די זון איז כּ׳עסדיק און לינד.
צו בלויע בערג איך ווענד מײַן בליק,
פאַרגאָסענעם מיט זונען־בלענדקײַט.

ווי פרײַ פון יעטווידער געפּעַנטקײַט
איז מײַן געמיט, און פעסט כ׳פּאַרדריק
דעם קוליע־שטעקן אין דער האַנט,
און ווײַטער כ׳האָב אוועקגעשפּאַנט.

זײַט וויסן

אין באָר ווײַסרוסישן
בא זילבערדיקע טײַכלעך קלאָרע,
בא פעלדער זוניקע
מיט ווייץ און לײַן
בין איך, זײַט וויסן,
נישט קיין געבעכדיקער קאָרעוו.
דאָ איז מײַן אומגעהייער־גרויסע פּײַן,
און דאָ איז אויך
מײַן טיפֿע פרייד און נאכעס.
זי איז מיר ליב, די ערד:
מיט איר צונויפגעוואקסן כ׳בין,
ווי מיט איר פאנצער־שוץ די טשערעפּאכע.

איך ווינטש

א מענטש גייט מיט וועגטקעס צום טײַך. אין געדאנק
איך ווינטש אים, ס׳זאָל שפּרודלען מיט שעפּע זײַן פאַנג.
באַהאַנגען מיט פיש ר׳זאָל זיך קערן צוריק,
א מידער, מיט פֿײַערלעך זשוואָווע אין בליק.
א יעגער אין וואלד גייט, אויך אים אין געדאנק
איך ווינטש, ס׳זאָל פאַרווירקלעכן זיך זײַן פאַרלאַנג:
מיט סימכע אַרויס זאָל זײַן פּרוי אַף דער שוועל,
א פוקס אַף זײַן אַקסל דערזען — גאָלדיק־העל.
כ׳זע קינדער. ס׳האַלט יעדער א קאָשעק אין האַנט.
איך ווינטש זיי: קלײַבט יאַגדעס אָן פול איבער ראַנד. —
נאָר מיר עפּעס ווינטשן ווייסט קיינער נישט וואָס:
צי שוואָמען, צי ניסלעך, א העכט, צי א האָז.
און ווער קאָן עס וויסן, אַז כ׳נישטער און זוך
דאָס וואָרט, וואָס זאָל ליב זײַן און צאַרט זײַן, ווי פּוך.

* * *

דעם אָנדענק פון מײַן פרוי —
העניע שוועדיק

נישט אנטויש זיך, מײַן טויב, נישט אנטויש.
כ׳וועל נאָך ברענגען דיר מאזל א קויש.
דאָברע־מאזל און ליכטיקע וואָר.
וואָס זשע שמייכלסטו? גלייבסט דען נישט גאָר? —
— ניין, פארוואָס, — ענטפערט שטיל מיר מײַן טויב, —
אין דײַן גוטער קאוואָנע איך גלויב.
נאָר ס׳איז שווער אף דער עלטער, באמערק,
זיך צו דראפען אף גאָלדענע בערג...

* * *

כ׳וואָלט וועלן, ס׳זאָלן לעבן זייער לאַנג
די מענטשן,
וועלכע האָבן לענינען געזען
און געהערט,
זיי האָבן אײַנגעזאַפּט פון קאָל זײַנעם דעם קלאַנג,
פון בליק זײַנעם די שײַן.
מיט זיי וועט רײַכער זײַן
און שענער אונדזער ערד.

* * *

א לעבן אָפּגעלעבט אָן פּערל,
אָן אַנטיקלעך — כּפּייצים.
און כ׳ווייס ניט, ווי עס זעט אַפילע אויס
א גאָלדן רענדל.
מיסטאָם דערפאַר כ׳טראָג לײַכט דעם קאָפּ
אַף מײַנע פּלייצעס
און קווּעל פאַר נאַכעס פון מײַן יורשע — הענדל.

א נאָמען נאָך מײַן שוואָגער, נאָך דעם דיכטער
שוועדיק הענעך
(ער איז אין שווערער שלאַכט געפאַלן טויט־פאַרוווּנדעט),
און איך ווער רײַכער, וואָס מײַן יִינגל קען איך
דערציילן וועגן פעטער זײַנעם וווּנדער.

און איך אליין האָב אויך ניט
וואָס בא זיך אַראָפּצופאַלן:
כ׳טראָג אין די ביינער מײַנע דײַטשלאַנדס אײַזן־שפּליטערס,
נעקאָמע כ׳האָב גענומען פון די קלאָווים־ריטערס,
און דאָס איז בא מיר טײַערער פון איידלסטע מעטאַלן.

אָט דערפאַר...

איך קען, טײַערע סאָסנעס און יעלן, ביז איצט
אײַער גוטסקײַט צו מיר נישט פאַרגעסן.
איר האָט מיך פון פײַנטלעכע קוילן באַשיצט
אין די פײַנפולע שווערע מעסלעסן.

אין א פינצטערער גליוועדיק־פראָסטיקער נאַכט
אונדז, סאָלדאַטן, דערוואַרעמט באַם שײַטער,
מיר דאָס העמד אפן לײַב מײַנעם טרוקן געמאַכט
און געהאָלפן אונדז אָנגרײַפן ווײַטער.

אָט דערפאַר, ווען אין וואַלד אין ווײַסרוסישן כ׳קום,
ווער איך שטענדיק ביז טיף אופגערודערט.
מיטן בליק יעדע סאָסנע און יעל כ׳נעם אַרום,
ווי א גינציקן האַרציקן ברודער.

* * *

די קוסטעס מיט אנטבלויזטע ריטלעך,
וואָס טראָגן ווײַסע פּוכקע היטלעך —
פּול־פּולע קעסעלעך מיט טיי,
זיי שטייען פּונקט, ווי אין טראַנשיי
דערפרוירענע פון קעלט סאָלדאטן.
און קלאַפּן, קלאַפּן מיט די פיס.
די ליים זיך קלעפּט צו מאַסקכאַלאטן.
איך קום צו נע׳נטער, זיך באַגריס.
כ׳דערהער: „דערלאַנג, סאָלדאַט, דײַן
פּײַערל".
און כ׳בייג זיך אָן מיט מײַן ציגײַערל...

* * *

פארגעסן כ'האָב די טויזנטער באַפעלן.
צי קען דען זיי געדענקען אַ סאָלדאַט?
נאָר יעטווידער באַפעל
איין זעלבן צוגאָב האָט געהאַט.
דער צוגאָב איז מיר גראָד געווען געפעלן.
דער קאָמאַנדיר אַ רעגע שטעלט זיך אָפּ:
— פאַראַנטוואָרטלעך ביסט מיטן קאָפּ. —
אין פֿײַער־פלאַם, אין בראַנד און טויט־געוואָי,
איך ענטפער: אָטוועטשאיו גאָלאָוואָי. —
איך טאַפּ אַרום אַצינד מײַן קאָפּ מײַן אַלטן.
צי דען האָט ער אַזויפיל אויסגעהאַלטן?..

* * *

די אלטיטשקע, וואָס פונעם מערקל גייט
און טראָגט אין קאָשעק עפּל, פּאָמידאָרן, מערן,
און אפן האלדז — פון ציבעלעס א קראַנץ,
זי הייבט ניט אָן צו וויסן און צו קלערן,
אז קוקנדיק אף איר, איך שעפּטשע שטילערהייט:
אויך מאָרגן זאָלסטו, באָבעשי, זײַן גאַנץ
צוזאַמען מיטן מארק און מיט דער שטאָט צוזאַמען...
ווײַל יעדער נאכט, מײַן גאָט,
איך זע די ערד אין בייזע פלאַמען.

* * *

דער קלאָרער שניי אין פעלד
איז פוכיק־רונד,
ווי אין א דייזשע,
ווען ס׳גייט אוף דאָס טייג.
ס׳וועט ווארעם זײַן איַך, קערנדלעך,
אין גרונט.
עס בלענדט די זון,
איך זשמורע צו אן אויג.
און וויל און פריידיק
אפן הארצן ווערט —
געבוירן וועט אונדז פוכקע ברויט
די ערד.

פֿריִע פֿייגעלעך

מיטן שלאָף
איז לײַכט זיך אונדז צעשיידן.
פֿריִע פֿייגעלעך —
אַזוי רופֿט מען אונדז ביידן.

ווי נאָר אין די שויבן
הייבט אָן גינען,
זײַנען מיר מיט דיר —
צוויי טרײַע בינען.

אויף די ציפּקעס —
שכיינים ניט צו וועקן;
ס׳וועט אונדז, — זאָג איך, —
צײַט אויף אַלצדינג קלעקן.

ראַניצע
וועט קיינער אונדז ניט שטערן
אָן אַ ספּעשקע
בערג איבערצוקערן.

שמייכלסטו:
אַ נעס, ביסט ניט קיין פּעפּער.
ווײַל די פּעפּער
זײַנען קנאַפּע שעפּער...

ענטפער איך:
איך בין אין דיר געראָטן —
„פרײַע פייגעלעך",
ווי גאָט האָט אונדז געבאָטן..

* * *

אַ דאַנק דיר, הייסער זומער
האַיאָריקער,
מיט זונען־גלי
האָב איך זיך אָנגעזאַפּט,
פּונקט ווי דער ווײַנטרויב־בלאַט
דער פֿײַערדיקער,
און כ׳האָב בא קיינעם
גאָרנישט אויסגעכאַפּט.
באַם יאַם זיך אויסגעשפּרייט
אַף זשוויר און שטיינדלעך,
נאָר ווייך און ליב איז מיר
געווען מײַן פּלאַץ.
געשריבן בריוו
מײַן ווילער שיינע־שיינדלען:
— איך וואַרעם אַף דער זון זיך,
ווי אַ קאַץ.
אַהיים זיך אומגעקערט
מיט טריט מיט הילכיקע.
זעט, ווי פֿאַרברוינט,
ווי שטײַף עס איז מײַן לײַב.
און נעם אַרום און קוש
אַ דאָרשטיק־גליקלעכער
מײַן הויזגעזינד —
די קינדער און דאָס ווײַב.

א דאַנק דיר, הייסער זומער
האַיאָריקער.
מיט זונען־גלי
האָב איך זיך אָנגעזאַפּט,
פּונקט ווי דער ווײַנטרויב־בלאַט
דער פּײַערדיקער,
און כ'האָב בײַ קיינעם
גאָרנישט אויסגעכאַפּט.

נאכסאָל

א גאנצן טאָג זיך דרייט בא מיר אין קאָפּ
פון ליבער היים א ווערטעלע — נאכסאָל.
אין וואלד איך בלאָנקע אום און שטעל זיך אָפּ
און שרײַ פון הארצן אויסעט אפן קאָל:
נאכסאָל! נאכסאָל!..
און פרעגט בעכיירעם, וואָס דערבײַ איך מיין.
זאָל דוכטן, כ׳בין א פויגל (פּרוווט פארשטיין),
וואָס כאזערט אָן א סאָף און אָן א צאָל
בלויז טריבע קלאנגען צוויי —
נאכסאָל! נאכסאָל!..

* * *

נעמסטו מיך פון אָסיען־וואַלד אַוועק,
טוט זיך פון מיר אָפּ די שכינע.
צווישן יאָדלעס, דעמבן גאָלדיק־גרינע
איז אַן אויצער יעדער זונען־פלעק.

ס׳שפּרייט איר דלאָניע אויס די קליאָנען־בלאַט,
ס׳לויכטן זיך די אָדערלעך די דינסטע.
פונקט אַזעלכע אַף מײַן האַנט געפינסטו, —
קוק זיך צו, ווי ענלעך אַקוראַט.

מענטש צי בוים. ס׳איז שווער צו זאָגן, ווער
דאַרשטיקער די זונען־בליטן זאַפּן.
אין דער העלקײַט האַרבסטיקער איך הער,
ווי עס טיאָכקען אָדערלעך און קלאַפּן.

* * *

באנאכט, די קינדער שלאָפֿן שוין, איך שפּיר:
א זיסע שטילקייט, ווי א קוועלכל, פּלעפּלט.
אַף גרינע ווענט די שאָטנס פּונעם מעבל
זיך גיבן מיט קיין אייוועך ניט קיין ריר.

ס׳איז יעדע מינדסטע רעגע אָנגעזאָפּט
מיט פרייד מיט ברויזנדיקער, ניט געצוימטער.
נאָר כ׳ליג די אויגן אָפֿן, א פאַרטרוימטער,
און אין מײַן הארצן שטארק דער אומרו קלאַפּט, —

דער אומרו, וואָס מײַן פרייד און רו צעשטערט
און טריפט ארײַן מיט גיפט אין יעדער רעגע.
און איך דערפיל אַפּסניי די כײַע־נעגל,
וואָס ווילן אַלץ פאַרגלײַכן מיט דער ערד.

* * *

אין יונגן סאָד
באגינען
באגריסן מיך
די בינען,
גוט־פריינטלעך
צו מיר זשומען:
אז וויל,
וואָס ביסט
גערקומען. —
די עפל־ביימער
בליען,
און בינען
פליען, פליען
צו קווייטן
דופטיק־ווייסע
און זשומען־זשומען
פלייסיק,
אין בעכערלעך
אנטרינען, —
א מאזל אף אייך,
בינען.

* * *

אזויפיל שישקעס אף דער יאָדלע־קרוין,
און יעדערע איז רײַף און גלאַנציק־ברוין.

א שטילער אָסיען־ווינט די יאָדלע וויגט,
און מאמעש כ׳פּיל — עס ווערט דער בוים
דערקוויקט.

די לאסט פון פּרוכט מוז זײַן די לײַכטסטע
לאסט,
מיר דוכט, די יאָדלע ווינקט צו מיר און
שפּאַסט:

„דער ווינט מיך קיצלט, גלעט מײַן יעדן זוים,
פון אָט דער ערד וועט שפּראָצן דאָ מײַן
טרוים...״

די זון טוט אומגעריכט אין וואלד א שײַן,
עס איז דער יאָדלע צו מעקאַנע זײַן —

די שישקעס אָנגעפּיקעוועט געדיכט
זיך צינדן אף איר קרוין, ווי טויזנט ליכט...

* * *

כ׳האָב ליב די שטילקײַט אינעם װאַלד בײַס
זון־פאַרגאַנג.
קוים־קוים זיך װיגן אום די הױכע
בײמער־שטאַמען.
די זון אין סאָסנע־קרוין זיך מאַכט א נעסט
פון פלאַמען.
עס רוט אין אָט דער שאָ מײַן האַרץ און מײַן
געדאַנק.

די פײגעלעך מיסטאָם די פּיסקלעך שליסן צו
(א שאָד, װאָס רופן זײ איך קאָן ניט בײַ די נעמען).
און איבעריקן צװיטשע טאָן אצינד זיך שעמען.
ס׳צעגיסט זיך איבער װאַלד די אָװנטיקע רו.

די װאַלד־בין איז נאָך אַלץ מיט זאַפט ניט זאַט,
פליט אום פון צו בלום צו בלום, נאָר טוט
דערבײַ ניט זשומען.
אין קילן אָװנטיקן זומער־װאַלד אין שטומען
איך עטעם, דוכט מיר, שטיל, װי אָפן בוים די
בלאַט.

אויף טונקלען גראָז מײַן שאָטן װאַקלט זיך און שפּרײט.
װי אויף שפּיץ פינגער שפּרײַזט דאָ רונד־אַרום
דאָס לעבן.

זיך זאַפּט די שטילקייט איין אין מײַנע
בלוט־געוועבן,
פילט אָן מײַן האַרץ מיט שווײַגנדיקער
העלער פרייד.

* * *

באנאכט, ווען אין דער אָנגעהייצטער שטוב אין וואלד
צו הרובע פלאמיקער איז זיך ניט צוצורירן
און הינטער שויב אף ביימער זיך די קאָרע שפּאלט
פון פערציקגראַדוסדיקער גליִענדיקער קרירע, —
נישטוימעם כ׳ווער, ס׳הילכט אינעם צימערל די גריל,
פונקט ווי א מענטש פארכלינעט זיך, פאַרגייט זיך,
און כ׳ווייס ניט, צי זי כליפּעט, צי זי פרייט זיך.
עס ציטערן די סטעליע און דער דיל.
אָט־אָט איר הארץ וועט פלאצן שוין, איך פיל.

. . . .

אין טײַגע־וואלד, אין פערציקגראַדוסדיקע פרעסט
ניט איינזאם כ׳בין, — די גריל זינגט אין מײַן נעסט.

* * *

ווי טײַער זײַנען מיר די שטילע רעגעס
אין אָסיענדיקן גאָלדיק־העלן באָר.
איך דארף בא קיינעם גאָרנישט,
גאָרנישט פרעגן.
ס׳איז אלצדינג אזוי אָנזיכטיק און קלאָר...
מיט וועווערקעס
און בלויערלעך
און סאָסנעס הער איך
דעם שאָרך פון פאלנדיקער
קליאָנען־בלאט,
וואָס צווינגט מיך שטיין דערבײַ
און קלערן:
אזוי פאלט שטיל אין פײַער א סאָלדאט.

* * *

עס קלאַפּט מײַן האַרץ. זאָל אַלצדינג זײַן
קעשורע.
אויב קומען ווידער וועט די ביטערע מינוט,
דו שענק מיר, גורל מײַנער, קראַפט און גוורע
באַשיצן ביזן סאָף דאָס ביסל אייגן בלוט.
כ׳וואָלט אין טראַנשיי דאָס לעצטע מאָל זיך
שטעלן,
די פּײַנט באַגעגנט רויִק, שטילערהייט
און אָן הורא־געשרייען, אָן באַפעלן
געשלאָגן זיך אַף לעבן און אַף טויט.

* * *

ווען ס׳שלאָפט אין אָוונט אײַן מײַן
טרײסט —
מײַן טײַער ייִנגל,
דאַן צו זײַן קינדער־בעט ניט דרײסט
כ׳קום צו אויף די שפּיץ פינגער.

פון זײַנע הענטלעך כ׳צי ארויס
די ביידע רעוואָלווערן,
די שווערד, וואָס ליגט לעם אים
אַנטבלויזט, -
זיי זאָלן אים ניט שטערן.

ס׳האָט אײַנגעשטעלט מײַן זון א קלאל,
אַז שטענדיק פארן שלאָפן
ער נעמט אין בעט אויף יעדן פאַל
זײַן אויסגעפּרוווטן וואָפן.

איך האַלט די צאַצקעס און איך קלער —
אוי, קינדער־הערצער פילן...
צי דען מיט עמעסן געווער
וועט אויסקומען אים שפּילן?

* * *

א קישעף־מײַסעלע —
אזויפיל יאָר
געהאנגען איז מײַן לעבן
אף א האָר.

נאָר ניט געוואַרט כ׳האָב
אף א רעטונג־לייטער —
געשפּרונגען, ווי א ווערוויק,
פון איין סאָסנע
אף דער צווייטער.

געדונערט האָבן אונטן
העק איבער די שטאמען.
און איך האָב אין דער הייך
מײַן קאָפּ געשטרעקט
אין זונען־פלאַמען.

* * *

נעמסטו שפּילן,
ווערט מיר גרינגער,
היט זשע, טאָכטער,
דײַנע פינגער.
איבער פידל
ווען זיי שוועבן, —
ווייסטו גוט דאָך,
טאָכטער־לעבן, —
ווערט די ווײַסע וועלט
מיר ליבער.
פול מיט אומרו
כ׳בין דעריבער:
מיט א העלצל,
מיט א בלעכל
קענסט א פינגער
זיך פארשטעכן.
בא דער פּליטע,
בייסן פרעסן,
זאָלסט זיי היטן
ניט פארגעסן.
אין די שאָען
פון דײַן שפּילן
מײַנע ווייטעקן
זיך שטילן.

שפּילסט אַלץ צאַרטער,
דינער, ריינער,
טאָכטער מײַנע,
שטערן שיינער.

* * *

א טראָפּעלע הייבסטו דעם קאָפּ אויף,
מיט קינדערשער סימכע דערזעסט:
אַף שפּיץ פון סטאַראָבינער טאָפּאָל
דאָס בושלען־פּאָרפאָלק אין דער נעסט.

און גרויס איז די נעסט, ווי א סקירדע,
עס שטייען דער „ער" און די „זי"
בעשאָלעם מיט פויגלשער ווירדע:
— גוט־פרילינג, מיר זײַנען שוין הי. —

אין הימל־רוים זייערע קליידער
אין אויגן זיך וואַרפן: שוואַרץ, ווײַס.
אָט שוועבן זיי רויקע ביידע
אין אויסשפּיר נאָך זעטיקער שפּײַז.

ס'איז נאָענט דער הימל דער פרײַער,
דאָס טאָרפיקע פעלד און דער באָר.
דעם שטעטל איז ליב און איז טײַער
דאָס מאַזלדיק־פויגלשע פּאָר.

א טראָפּעלע הייבסטו דעם קאָפּ אויף,
מיט קינדערשער סימכע דערזעסט:
אַף שפּיץ פון סטאַראָבינער טאָפּאָל
דאָס בושלען־פּאָרפאָלק אין דער נעסט.

* * *

גייסטו נאָר
אין וואַלד אַרײַן —
שײַן און שאָטן,
שאָטן־שײַן.

אַך, ווי ס׳איז
צו קוקן פֿײַן —
שײַן און שאָטן,
שאָטן־שײַן.

אויפֿן גראָז
דאָס פּלעשל ווײַן —
שײַן און שאָטן,
שאָטן־שײַן.

וויגן אונדז
די ביימער אײַן —
שײַן און שאָטן,
שאָטן־שײַן.

ווערן שוין
אי מײַן אי דײַן
שײַן און שאָטן,
שאָטן־שײַן.

סײַ אין פרײדן,
סײַ אין פּײַן —
שײַן און שאָטן,
שאָטן־שײַן.

אויך אין כאָלעם
װעלן זײַן —
שײַן און שאָטן,
שאָטן־שײַן.

נאָר אין גרוב
האָט טויט פאַרבאָטן —
סײַ די שײַן
און סײַ דעם שאָטן.

* * *

קיין שטערנזעער בין איך ניט,
און אויך קיין נאָווי ניט קיין גרײַזער.
זײַ, קינד, פון אלדאָסבייז באהיט,
איך בין ביסכאקל נאָר דײַן שפּײַזער.

איך האלט דיך ציט׳ריק אף מײַן שויס,
באשיצן דיך פון דונער־קנאלן,
ס׳זאָל קיינער דיך ניט טאָן קיין שטויס,
עס זאָל אף דיר קיין האָר ניט פאלן.

ניט דויערן וועט לאנג די שפּיל,
אנטרינען וועלן טאטע־מאמע.
ווי איך, פאר אונדזער העלן ציל
וועסט וואָיעווען, מײַן זון, מיסטאמע.

ווי איך, וועסטו פארזאָרגטערהייט
א פינגער אף די ליפּן האלטן.
צו ברענגען דײַנע קינדער פרייד, —
ווי מיר, וועט דיר דער מויעך שפּאלטן.

אין א זאוויי

א ווינט, א פראָסט,
א שניי־זאוויי
פארשיט־פארבלאָזט
מײַן ווינד־און־וויי.

פון אויג פארשווינדט
דער ווײַסער טראקט.
מיך האָט דער ווינט
אין פעלד געפאקט.

דער טאָג פארגייט —
א גרוי געוועב.
עס ווייט, עס דרייט,
די פיס איך שלעפּ.

קיין מינדסטער שפור,
אלץ אויסגעבלייכט,
ביז סאמע ברוסט
די הורבע גרייכט.

איך פויזע, קריך,
צעגראָב דעם שניי,

כ׳פארכלינע זיך
און גיי און גיי.

די נאָדל־קעלט
די פינגער שטעכט.
איך גיי און שעלט
אין א געפעכט

פון פראָסט מיט בלוט,
פון מוט מיט שרעק.
אין ווייכן פוך
איך זוך דעם וועג.

און אָט פון שליאַך
דעם קאלטן שטיין
כ׳טאַפּ אָן און לאַך
פאר פרייד און וויין,

און לויף און פיל
דעם הארטן גרונט.
כ׳דערהער — עס בילט
אין דאָרף א הונט.

א פענצטער מיר
א שמייכל טוט.
כ׳בין שיר, כ׳בין שיר...
נאָר אלץ איז גוט.

און ווײַטער זײַן
אזוי וועט, כ'האָף,
מיט ברויט און ווײַן —
א גוטער סאָף.

וואָלט איך פרעגן

וואָלט איך איינעם
פון די קאָסמאָנאווטן באגעגנט,
וואָלט איך שטילינקערהייט
צו אים צוגיין און פרעגן:
— זאָג מיר, זון מײַן געוואגטער,
מײַן הארציקער, ווילער, —
דאָרטן הויך אין די הימלען,
בא דעם ליכטיקן מוילעד,
ווו די שווערקײַט פון קערפּער
אנטרינט אומגעריכט
און מע וויגט זיך אין רוים,
ווי א פלאם פון א ליכט,
זאָג, מײַן זון, —
ווען עס ליגט אפן הארצן א שטיין,
צי ער וואָלט דאָרט פון הארצן אראָפּ
אָדער ניין?

* * *

בא מיר שוין דעמלט איז
דאָס לעבן שיין און זיס
און אלץ ארום איז ליב מיר
און איז טײַער,

ווען ס׳שפּאלט זיך ניט די ערד
אונטער די פיס
און ס׳שיט זיך פונעם הימל ניט
קיין פײַער.

* * *

ווען איך שטרעק אויס מײַן מידע האנט
צום גלעקל פון מײַן וווינונג
און הער, ווי ס׳לויפט מײַן קלײנער זון
די טיר מיר עפענען, —
נעמט מאָדנע זיס מיך נאָגן
אונטערן לעפעלע.
איך ווארט מיט אומרו און דערשטוינונג...

ווער מיט זײַן היים געווען איז לאנג צעשיידט,
דער וועט פארשטײן מײַן ציטעריקע פרייד.

צוויי ציגעלעך

אווראָם גאָנטאַרן

אפן שטעטלדיקן פּלאַץ באַם ראַיסאָוועט
לעבן דעם ראַימאַג דעם שפּאָגל־נײַעם
ציגן צוויי שפּאַצירן פראַנק־און־פרײַ אום.
וויל איך זיי מיט ליבשאַפט טאָן א גלעט.

זײַנען זיי דאָך אָבער פּאָשעט ציגן.
אָן א זײַט זיי שפּרינגען פון מיר אָפּ.
א מאַכשאָווע לויפט מיר דורך אין קאָפּ...
„וועמעס זײַט איר?״ — האָב איך אויסגעשריגן.

און פאַרשעמט כ'האָב זיך פון מײַן געשריי.
קיינער הערט ניט... נאַריש כ'האָב צעקוועלט זיך.
אף א רעגעלע די ציגן צוויי
האָבן, דאַכט מיר, עטוואָס אָפּגעשטעלט זיך,
אויסגעדרייט צו מיר, מיך אָנגעקוקט געהיים.
ליבע, איינציקע סימאָנים פון מײַן היים.

בּאַ דער מײַרעוו־דווינע

כ׳שטיי לעבן גרויסן בריק איבער דער מײַרעוו־דווינע.
כ׳האָב אים אין נײַנצן נײַן־און־צוואַנציקסטן געבויט.
דאָס איז געווען מײַן ערשטער שווער־פֿאַרדינטער ברויט,
געשטופּט די טאַטשקעס זאַמד מיט הענט מיט ייִנגלש־דינע.

איך לייען דורך דעם אויפֿשריפֿט אויף מירמל־טאָוול:
„אין פֿיר־און־פֿערציקסטן די דרייסטע הימלאַנדס זין
בעראָש מיטן לעגענדאַרן העלד בלאָכין
דעם בריק געראַטעוועט״.
געשטאַנען אונטער קאָוול

כ׳בין דאַן, דעם בוג פֿאָרסירט. און הײַנט, דו, היימשטאָט מײַנע,
אין יאָרן פֿיל אַרום ביסטו מײַן טרייסט אַפּסנײַ,
ווי גוט עס איז דער אייגן ערד צו זײַן געטרײַ
און זען דעם בריק, וואָס האָסט געבויט מיט פֿרייד און טײַנעג.

דער שפּיגל פון יאק

* * *

וואָס שטאַרקער דיביימער אין וואַלד זיך צערוישן, —
מאַכשאָוועס אין זינען, ווי קאָרטן זיך טוישן.

איך פיל, ווי דער ווינט רוימט און שעפּטשעט די צווייַגן.
נאָר זיי קענען סוידעס נישט האַלטן, נישט שווייַגן.

אָנצאָליקע בלעטער מיט ציטער און פיבער
„שו־שו“ און „שו־שו“ — יעדן קוסט גיבן איבער.

און ס׳דוכט מיר, אָז אופהער זיך ליפּן באַוועגן...
נאָר גאָרנישט כ׳פאַרשטיי נישט. בא וועמען זשע פרעגן,

א פריילעכע אָדער א טרויעריקע בסורע
געבראַכט האָט דער ווינט און צי אַלץ איז קעשורע?

וואָס שטאַרקער די ביימער אין וואַלד זיך צערוישן, —
מאַכשאָוועס אין זינען, ווי קאָרטן זיך טוישן.

* * *

„פּרוואָס ווילסטו דאַפקע מיט דעם וואַסער, —
האָט סענדערל געפרעגט, — אַז מע קאָן דאָס
אייגענע אויך מיט דער יאַבאָשע?“

מענדעלע מוכר־ספרים

אַזוי ווי סענדערל,
כ׳האָב ליבער די יאַבאָשע.
עס זײַנען אָנגעזען בא מיר און כאָשעוו
(איבער דער גאַנצער וועלט קלינגט זייער שעם)
די העלדן־קאָסמאָנאַווטן,
די דרייסטע קאַפּיטאַנען אויף די שיפן
אין די אָקעאַנען,
נאָר כ׳קאָן מיך פּאָשעט איצטער נישט דערמאַנען,
ס׳זאָל ערגעץ זײַן מיר אַזוי ווויל, אַזוי באַקוועם,
ווי אויף דער ווייכער סאַמעט־גרינער ערד
צווישן ווײַס־צעבליטע עפּל־ביימער,
וווּ ס׳איז געווען מיר באַשערט
צו זײַן אַ פּראָסטער שוימער.

* * *

„דער יאם וויגט זיך און ווערט צעוויגן,
און פּלאַצן וועט דער ליכטיקער שפּיגל״.
י.־ל. פּ ע ר ע ץ. „ניסים אפן יאם״

ס'איז מיט גאָרנישט געזיכערט דער ליכטיקער שפּיגל פון יאם,
פונקט אזוי, ווי איך בין מיט מײַן אייגענער מענוכע
ניט זיכער.
אָט־אָ גיט מיטאמאָל זיך א הייב אוף א שטורעם
און וויכער,
און עס שוימען די כוואליעס און ס'יאָגט שוין
א קאם אף א קאם.
פון געשליפענער פלאך ניט פארבליבן קיין סימען,
קיין שפּליטער;
דורכן הארצן בא מיר פיל איך טאָמיד,
ווי ס'לויפט דורך א ציטער,
וואָס צעהוידעט מײַן אומרו, מײַן שטילקײַט צעשטערט
און דערצאָרנט.
איך בין אויך, ווי דער יאם מיט זײַן רו,
אף קיין האָר ניט באוואָרנט.

אין קאַפּוליער וואַלד

אין ווײַסן ווינטערדיקן וואַלד קאַפּוליער
בין איך אַן אָנגעלייגטער גאַסט געווים.
דאָס זשוואַווע בלויערל צו מיר זיך טוליעט,
קלײַבט אויף די ברעקלעך לעבן מײַנע פֿיס.

די יעלן שטרעקן מיר פֿאַרשנייטע לאַפּעס.
דער פּיקהאָלץ אָף דער סאָסנע קלאַפּט צום טאַקט.
כ׳דערמאָן זיך, ווי אַמאָל האָבן די כאַפּערס
ביניאָמינען מיט סענדערלען געפּאַקט,
געפֿירט אין באָד אַרײַן...

די ביימער־שטילקײַט,
די זויבערקײַט מאַכט ליכטיק מײַן געמיט.
אַ ווינטעלע באַגעגנט מיך מיט מילדקײַט
און צווישן צווײַגן ווײַסע בליטן שיט.

עס קוויקט דאָס האַרץ די שײַן
פֿון שניי־בורשטינען:
איך ווענד צום וואַלד מיט דאַנקבאַרקײַט מײַן בליק,
כ׳ווער מיד פֿון גיין, און מיט אַ לײַכטן זינען
איך קער זיך אום אין שטעטעלע צוריק.

פאַרהיט האָט עס דעם אַלטן ליבן נאָמען
קאַפּוליע — ס׳קלינגט אין האַרץ בײַ מיר דאָס וואָרט.
דאָ שוועבט זײַן גײַסט, זײַן ליכטיקער „קאָל־יאָמײַ״,
זײַן קלוגן שמייכל כ׳זע, זײַן ווײַסע באָרד.

דער זיידע אונדזערער

„ביטאָכן, ביטאָכן, סענדערל, איז א ייִדישע זאך", —
האָט אונדזער זיידע מענדעלע יאקאָבי געלאכט,
נאָר ס'האָט אים ווײ געטאָן
און טיף אין הארץ געשטאָכן
דער פוסטער, אויסגעבלאָזענער ביטאָכן.
צוערשט אף גאָט און אף דער וועלט דערנאָך.
ווײַל פון געשעפטן אלע אף א פולער וואָך
איז סענדערל שוין ווידער מיט דער טאָרבע אומגעגאנגען.
געסווישטשעט האָט דער דאלעס אין קאפּצאנסק
מיט קאָלערליי ניגונים און געזאנגען...
פון טונעיאדעווקע ביז פּיאטיגבילעווקע,
ביז גלופּסק דער שטאָט
האָט ס'פאָלק געמאטערט זיך אף גאָטס באראָט,
געצופט האָט אײנער בא דעם אנדערן דאָס בערדל,
די אויגן אויסגעקוקט שוין אף מאָשיעכס פערדל.
פון ווינטשפינגערלעך געצאפּט דאָס גליק.
האָסט, זיידע הארציקער, דאָס צוזען ניט געקענט,
א צײַט אזא געוועזן... און ניט אין דיר געווענדט,
דאָך האָט געברענט א בייזער פלאם בא דיר אין בליק,
גערופן האָסט דאָס פאָלק צו מ'לאָכע, צו פארשטאנד,
צו קענען גוט דאָס לאָשן פונעם לאנד.
גלײַך ווי א פאָטער, וואָס זײַן קינד באשטראָפט און וויל,
אז ס'זאָל פון אים א שטיקל טאכלעס ווערן,
אזוי האָסטו געכויזעקט און געלאכט, נאָר אין דער שטיל —
באגאָסן זיך מיט הייסע טרערן...

* * *

מײַן בכאָר כ׳האָב א נאָמען געגעבן נאפּטאָלע.
ער זאָל, װי א הירש, זײַן א שלאַנקער און האסטיקער.
נאָר ס׳האָט אים מײַן גיריקער פײַנט מיט דער סװאסטיקע
פּארצוקט און צעריסן. מײַן ביטערע דאָליע,
איך האָב נישט געקאָנט אים, מײַן ליבלינג, באשיצן.
געקומען פון קריג כ׳בין צעװוּנדיקט, צעשמעטערט,
מיט בענקשאפט מיט זיסער עס ציט אָפּט אויך איצטער
צום הויף, װוּ מײַן זון האָט געשפּילט זיך, געקלעטערט.

* * *

מײַן סטאַרשינאַ האָט מיך אַזוי געכאָוועט:
דערזעסט, אַף שליאַך זיך וואַלגערט אַ פּאָדקאָווע,

דערמאָן זיך — ס'האָבן ווילע הענט געניטע
אין גאָלד'נעם זשאַר געברענט זי און געשמידט זי.

אַף שטיין געשפּריצט מיט פֿײַער האָט דער בויגן,
ווען ס'איז דאָס טרײַע פערד פאַרויס געפלויגן.

* * *

כ׳קוק מיט ציטער
אױף די ליכטיקע בעריאָזעס —
שװעסטער מײַנע,
לײַעס, צילײַעס, ראָזעס.

װיפֿל כּידעש
אין דער װײַסער רונדער קאָרע,
װי בורשטין־געטאָקטע
שײַנע העלדזער קלאָרע.

זע איך מאנדל־אױגן
אונטער שטילע װיִעס,
פֿול מיט טרײַשאַפֿט,
און מיט ליבשאַפֿט,
און מיט כּיִעס.

װאָלטן דען ניט קומען
מערדער און באַנדיטן
און דעם יונגן װאַלד
צעשאָטקעװעט, צעשניטן?

כ׳קוק מיט ציטער
אף די ליכטיקע בעריאָזעס —
שוועסטער מײַנע,
לייעס, ציליעס, ראָזעס.

* * *

דער ווינט אויף דער אָסינע גיט אַ שפּיל
מיט אַלע גילדענע בלעטלעך מיטאַמאָל.
צערווישן גלעקעלעך זיך אָן אַ צאָל —
אַ וואַלדישער און האַרבסטיקער קאַדריל.

כאַטש נאָך אַ טאָג צו גוואַלדיקער זײַן דעם ווינט,
צו קלינגען און זיך האַלטן אויף דער צווײַג.
עס שמײַסט דער ווינט און רײַסט דאָס לײַב און שינדט
פון יעדעס בלעטעלע.
איך קוק אויף דעם און שווײַג...

* * *

ניט סטראַשע מיך, די יאָרן מיר ניט צייל,
אין האַרצן מײַנעם כ׳וואָרעם נאָך אַ קאָזיר:
באַהאַלטן זיך, פֿאַרשטעקן אין אַ הייל
מיט גלי׳ענדיקע אויגן פֿון אַ נאָזיר
און ווערטער שאַרפֿן, שלײַפֿן אָן אַן ענד,
ווי מיט מײַן מאַמעס אויסגעהאָרעוועטע הענט.

* * *

איך פֿיַיל דאָס וואָרט
און שלײַף עס אויס
און פֿורעם.
עס ברענגט מײַן הארץ
אי נאכעס,
אי יעסורים,
און ווי דאָס לעבן
איז צום וואָרט
מיר נייטיק —
די פֿרייד
צוזאמען מיטן
ווייטעק.

* * *

אין מאַכשאָווּעס מײַנע,
ווי אין געגדז א טשאַטע,
האָט א בייזער שקאָץ
א וואָרף געטאָן א שטעקן.
אין זײַן טאַטנס טאַטן...
זיך צעפלויגן זײַנען זיי
אין אַלע עקן.
האָב איך איצטער יענע אַרבעט —
אומצולויפן
איבער גערטנער,
איבער הויפן
צוריק צונויפטרײַבן אין זיבען
מײַן מאַכשאָווּעס־טשאַטע.

דער פּונקט

איך האָב דערלערנט שוין, דיר צו געפעלן —
מיט איבעריקע ווערטער זיך נישט וואַרפן.
פּונקט ווי דאָס לעבן, פילן איך באַדאַרף,
ווו אויסגעשעפּט — א פּונקט אוועקצושטעלן.
מיר דינען זאָל ער, ווי אַן אָנשפּאַר־שטיין,
קעדיי זיך נישט צעפליסן, נישט צעשווימען,
און דאָס וועט זײַן פאַר מיר דער בעסטער סימען,
אַז אונטער אים עס ריזלט שטיל דער כּיין.

מײַן דאָפּל־װאַלד

אין מאַרט שױן אָן געײַל די זון פֿאַרגײט,
הינטער די סאָסנעס שקיִע־פֿלאַם זיך שפּרײט.
אַ צװײטער באָר דאָרט װאַקסט פֿון העלער הױט,
װו יעדער שטאַם און קרױן איז צונטער־רױט.
די צװײַגן אױסגעשטרעקט װי פֿײַער־הענט,
אַ דאָפּל־װאַלד, װאָס פֿלאַקערט, העליש ברענט,
אַ טונקעלער, אַ בלױער פּאַס באַזױמט
דעם רױטן באָר, װאָס איך האָב אױסגעטרױמט.
און צװישן גרין און רױט און רױט און גרין —
אַ גרױער פֿלעק אַף װײַסן שנײ איך בין...

9*

* * *

ווידער אַ דערציילונג: מענטשן ווילע
ראַטעווען פֿון געטאָ אַ געזינד
און באַהאַלטן אויסעט פֿון די קוילער...
גלײַך פֿאַרלויפֿט מיט בלוט מײַן ווײ־און־וויגד.
ס׳טראָגט דער אימפּעט מיך צו שטוב,
פֿון וועלכער מ׳האָט געטריבן צו דער גרוב
מײַן זיבניאָריק קינד...

* * *

אין גאס אין פּראַסטיקער מיר קומט אנטקעגן
מיט א געזאנג א הויכער יונגער נעגער.
ער זינגט פאר זיך, ס'פּלייצט פון זײַן בליק א פרייד,
נישט אנדערש, ווי ער וואָלט אין טרוים די רעגע
גיין מיט זײַן היימיש מיידל זאלבעצווייט
אין הייסער אפריקע, צוועלף טויזנט מײַל פונדאנען.
כ'האָב אין זײַן איינזאם זינגען אפן קאָל פארשטאנען —
ס'איז שווער צו זײַן מיט אייגן פאָלק צעשיידט.

9—38

* * *

זאָג, ווען ס׳טו נאָכגיין, מײַן שאָטן, —
מײַן שטענדיקער פרײַנט און באַגלייטער,
ווען מיט דער ערד וועל איך ליגן פאַרשאָטן —
א טויטער?

דו פלעגסט דאָך די טריט מײַנע קושן,
פאָרויס, ווי א הינטל זיך טראָגן.
דו האָסט דאָך פאַרלוירן דײַן בושע,
אַזוי ליב האָסטו מיך, שאָטן, געקראָגן.

די זון פלעגט מיך גליִען און בראָטן,
קיין אָטעם, קיין לופט פלעגט ניט סטײַען,
נאָר דו פלעגסט מיר נאָכגיין, מײַן שאָטן,
זיך בייגן, זיך קאָרטשען אינדרײַען,
און שווײַגן אַזוי ווי א שלײַען.

ס׳פלעגט טרעפן אין האַרבסטיקן רעגן,
כ׳פלעג אף עמעצן שאָענווײַז וואַרטן,
ביסטו אף דער ערד אף דער נאַסער געלעגן
מיט דײַן גופל דעם לאַנגן, צעדאַרטן.

ביסט אף ווענט אף די גלײַכע געקראָכן,
אין לוזשעס פאַליושקען זיך, טאַנצן.
און אַזוי־אָ מעסלעסן און וואָכן,
און אַזוי־אָ א לעבן א גאַנצן.

טאָ וועמען ס'טו נאָכגיין, מײַן שאָטן, —
מײַן שטענדיקער פֿרײַנט און באַגלייטער,
ווען מיט ערד וועל איך ליגן פֿאַרשאָטן —
אַ טויטער?

* * *

דו זאָגסט:
פארמאך דײַן העפט,
רו אָפּ פון שניי אין פעלד, פון זאווערוכע־ווינט,
פון בלײַכער זון,
וואָס נורעט זיך בא דיר אין וואָלקן־קישן,
און לאָמיר זעצן זיך צוזאמען בא איין טישל
א גלעזל נעמען. קאָשער האָסט פארדינט.
מיט שפאס איך ענטפער דיר אין אוניסאָן:
א קאפּ צו נעמען האָב איך גאָרנישט קעגן,
נאָר אף מײַן דימיען־פעלד
פארהרוזניעט כ׳שטיי און קאָן
ניט אָפּטרעטן. כ׳באטראכט אונדזער פארמעגן:
כ׳האָב ביסקל סאמע גרונט דעם שניי צעשארט.
ס׳בלענדט פון דער ערד דאָס גוטס — דער ווינטער־קאָרן.
זײַן יעדעס גריניגק דיניגק גרעזעלע איז צארט
און ווייך, ווי פליוש. קיין האָר ניט דורכגעפראָרן.
ס׳איז וויל. כ׳פארשיט די שפראָצלינגען אפסנײַ,
מיט פערענע מיט שנייִקער כ׳פארטוליע...
אצינד, אויב האלטסט שוין יאָ, אז ס׳איז קעדײַ,
טאָ, לאָמיר טאקע, ברודער, טאָן א הוליע!

* * *

וויפל שטייען מיר נאָך פאָר באגינענס
און פארנאכטן...
אוי, איך דארף, איך מוז געפינען
קוי׳ך מײַן טרוים דערטראכטן.
ס׳קען קיין רייד ניט זײַן פון דעם,
כ׳זאָל עס ניט באווײַזן,
כ׳זאָג מײַן הארץ: לעמאנאשעם,
שטארקער זײַ פון אײַזן.

מאָלגיוס

* * *

אוי, די ווידערשפּרוכן!
ס׳איז דיר ניט
קיין שטיקל אייער־קוכן,
וואָס צעגייט אין מויל.
וויפל מאָל האָט מיך די צײַט
געלאָזן הויל־קאַטויל,
אײַנגעטיילט מיר פרישע קלעפּ
און, ווי זאַמד, האָט זיך דאָס מאַזעלע
צעשאָטן.
בין איך אָבער אין דער מורעשקע
געראָטן:
פונדאַסנײַ איך שלעפּ
מײַן שטרוי —
מײַן בערוועגע
צום העלן פּאַלאַץ,
וואָס איך בוי.

* * *

די צײַט װעט אונדז ניט אײן מאָל נאָך
צעפּאַטלען און צעשױבערן.
נאָר דאַרף איך דען אַצינדער קלערן פֿון דערײַן,
װען כ'האָב פּאַר זיך אַ זומער־װאַלד אין אָװנט־שײַן
און דער קוקאַװעס זילבער־קוקו מיך באַצױבערן.
עס װערן אין מײַן האַרצן זיס צעגאַנגען
די אײביקע באַדאַכטע פֿױגל־קלאַנגען.

אין אַנגעלאָף פון ווינט

די ביימער־קרוינען
ווערן קוים אנשוויגן,
און כ׳וואָרט מיט אומרו
און מיט פארגעניגן
אין וואַלד אין זומערדיקן
אפן נײַעם אַנגעלאף
פון ווינט,
די שטאַלטנע סאָסנעס זאָלן ווידער
זיך צערוישן און צעוויגן.
ווײַל לעבעדיקער וועבט זיך דאַן
און שפּינט
מײַן דימיען־וועלט, וואָס איך באשאף.
און זילב מיט זילב
און טראַף מיט טראַף
געשמאַק זיך בינדט
אין יונגן
רוישנדיקן אַנגעלאף
פון זומערדיקן ווינט.

* * *

שטרענגע קיפּאַריסן
שטייען, ווי קאָסטיאָלן.
אוי, איז אפן הארצן מיר,
פיל איך, אָנגעקוואָלן.

ווערמען דאַרף עס אַרן,
ווער זשע דאַרף עס וויסן? —
בעסער קוק, ווי ס׳שווײַגן,
שטומען קיפּאַריסן...

שטייען ווי פאַרגליווערט,
זיך קיין האָר ניט רירן.
נאָר איך קען קאַווירן,
אַז זיי הערן, שפּירן.

מיט די קרוינען־שפּיצן,
וואָס אין רוים זיך שניצן,
קושן זיי זיך, גלייב איך,
מיט די הימל־בליצן.

ווײַט אין יאַם די כוואַליעס
פון דער הייך באַגריסן.
ווערסט זיי ניט צעקלײַען
לײַכט, די קיפּאַריסן.

עפּשער אַף די הערצער
איז זיי אָנגעקוואָלן?
שטרענגע קיפּאַריסן
שטייען, ווי קאָסטיאָלן.

* * *

און וואָס מיט מיר זאָל ניט פּאַסירן,
און ווו מײַן גורל זאָל מיט מיר ניט
אײַנוואַנדערן,
וועל איך פון זיך
ניט אויסטראַכטן קיין אַנדערן,
אפילו אַף קיין האָר
מײַן ווירדע ניט פאַרלירן,
מײַן דזשעק מיט קאָקאַרדעס פרעמדע
ניט באַצירן.
דורך אַלע פײַערן
און טויט־סאַקאָנעס
מיך וועלן אויך אַף ווײַטער פירן
די שטערנדלעך די דרײַ
אַף מײַנע פעלד־פּאָגאָנעס.

* * *

פאַרוואָס אזוי צו צווילינגן מיך ציט? —
צוויי יינגעלעך מיט זעלבע נעזלעך, שטערנס,
מיט פּונקט דעם זעלבן ליבן אויגן־שניט,
מיט קוטשערלעך, ווי פּושקינס און זשיול ווערנס,
נאָר ווער פון זיי איז סאשינקע,
ווער יאשינקע,
דאָס ווייס איך ניט.
ס׳געפעלט מיר, וואָס איך פּלאָנטערביידן,
אָט פּונקט אזוי, ווי כ׳קען ניט אונטערשיידן
די פּיצלעך שוועלבעלעך די צוויי,
וואָס קוקן שוין ארויסעט פון דער נעסט,
צי ווי א פּאָרל ריַיפע פיַערדיקע וויַינשעלעך,
וואָס אָף איין בלעטל דו דערזעסט,
צי גאָר, ווי די צוויי פולע עמער וואסער,
וואָס אָף די שטיַיפע אקסלען מיידלשע
צום טאקט זיך וויגן.
אָף אלע צווילינגן איך קוק געשמאק
מיט פאַרגעניגן.
זאָגסטו מיר פלוצעם:
— גראָבער יונג,
דו בײַס זיך בעסער אָפּ
די צונג...

* * *

„האָסט מיר אָפּגעטאָן אף טערקיש״, —
וואַרפסטו נאָכאַנאַנד מיר פאָר.
כ׳גיב אף אָפּשנײַדן מײַן קאָפּ,
ס׳איז אדהײַעם מיר ניט קלאָר,
ווי אף טערקיש טוט מען אָפּ...

אפן שטעטלשן יאריד

טשיקאווע גיין איבערן שטעטלשן יאריד
פון ברעג ביז ברעג.
פארבײַ די הויפנס אויבס
און שטײַגן אויפעס.
עס קוויטשען פון די זעק
כאזיירימלעך אף טריט און שריט.
איך קוק אפן האמוין פון קויפער און פארקויפערס.
צי דען בין איך בלויז איינער דאָ א ייִד?
אָן מיר עס ליארעמט, פילדערט דער יאריד...
פון רומל כ׳בין ארויס,
זיך אָן א זײַט געשטעלט,
און כ׳האָב דעם מארק־גערויש באטראכט
און אָנגעקוואָלן,
געדאכט האָט מיר, די ברייטע גרויסע וועלט
זיך וויגט אף פראָסטע פויערישע שאָלן...

* * *

אָ, שויטע בען פּיקהאָלץ,
צי פּיקהאָלץ בען שויטע,
דו גלייבסט מיר, צי ניט? —
אָט דאָס, וואָס דו טראַכסט
צווישן איין ליד און צווייטער, —
אָט דאָס איז דײַן ליד.

* * *

איך וואָלט, ווי דער שטורעם, וואָס שויבערט
און שלײַדערט אין אַלע פיר זײַטן
די קרוינען פון די קיפּאַריסן,
מיט ווערטער מיט שאַרפע,
פאַרשײַטע
אין פּאָנעם געשמיסן
די אַלע, וואָס טרעטן די אייגענע ווירדע אין זיך
און געוויסן.

צוויי בעריאָזעס

די רויטע פֿײַערדיקע זון האָט באַם פֿאַרגיין
אַ בענקשאַפֿט אין מײַן האַרץ איבערגעלאָזן:
באַלויכטן העל אין וועלדל אַ בעריאָזע;
די אַנדערע דערבײַ געבליבן איז אין שאָטן שטיין.
איך האָב זי פֿון דער זײַט באַטראַכט
פֿאַרקלעמטערהייט.
זי איז געווען פֿינצטער, ווי די נאַכט,
איר שכיינע האָט געשײַנט און זיך געפֿרייט...

די רויקייט

געבענטשט זאָל זײַן די דרייסטע רויקײַט,
זײַן טאָמיד פאר דער דראָענדיקער
אומדערוואַרטקײַט גרייט.
א וואָרף געבן דער פײַנט ווער א גראַנאטע,
דו לויף פון איר ניט אָפּ צעמישטערהייט,
נאָר גיב א כאַפּ זי,
ווי א האָלאָוועשקע,
און שלײַדער זי צוריק אין סוינעס זײַט.
א שטארקער קלוגער וואָפן
איז די רויקײַט
אין יעדער צײַט...

די ברײרע

נײן, פאר דער שוואלב איז ניט קײן לאסט
(ווי כ׳וואָלט בא איר געווען צוגאסט)
די ענגשאפט און די פינצטערניש פון נעסט,
דאָס שמאָלע שפּעלטעלע — די טיר...
די ברײרע איז דאָך פּאָרט בא איר —
אין אויגנבליק זי גיט א מעסט
די בלויע הײך,
א שוועב, א פלי
צו זונען־גלי,
דערגרײכט
דעם גרינעם בארג
באם יאם,
און ס׳איז די וועלט איר
פרײַ, געראם!

א שטיין צוקאָפּנס

א שטיין צוקאָפּנס הייבט ניט אָן מיך
ארן,
אבי זײַן אָנגעהאָרעוועט, און גרייט
בין איך אף אים זיך אָנצושפּארן,
ווי אף מײַן מאמעס קישן קליינערהייט,
און קוקן, פּילן, ווי ס'איז ווייך
דאָס ווײַסע וואָלקנדל
אין בלויער הייך.

מײַן מאמע

כ׳האָב ליב צו זיצן, ווי פארגליווערט, שאָענווײַז אליין
אין שטילן ווינקעלע אין גרינעם.
דערפיל איך מיטאמאָל אף זיך, ווי אויסגעהאקט פון שטיין
מײַן מאמעס שטומען אָנבליק און איר מינע
פון זאָרג און האָרעוואניע פריהלושעט.
כ׳געדענק ניט, אז מײַן מאמע זאָל מיך ווען א קוש טאָן.
געבליבן מיט פיר קינדער אן אלמאָנע...
לויט דעם, ווי ס׳נאָגט און ס׳טוט מיר וויי
מײַן הארץ אצינדער,
פארשטיי איך — טאָמיד איז געווען מײַן מאמע אין סאקאָנע
פאר אירע קינדער...

* * *

א קינד — אַט וויינט עס,
און אַט שוין לאכן זײַנע אויגן.
און ס׳שײַנט זײַן טרער,
פּונקט ווי א צווייענדיקער
רעגנבויגן.

* * *

כ׳פארהענג באדערנאכט ניט
די פענצטער מיט שטאָרן,
ניט גיין זאָל קיין פּיצעלע
העלקייט פארלאָרן.

פון טונקעלער בלויקייט
איין שפּרענקל און סימען,
און כ׳דארף שוין ניט טאפּן
די ווענט אין מײַן צימער.

מײַן בליק כאפּט נאָך אופעט
א פאסיקל בלייכקייט,
פון טאָג־ליכט א צאנקענדע
ליבלעכע ווייכקייט...

איך וויל פון דער וועלט זיך
מיט גאָרנישט פארשטעלן.
פון קינסטלעכער כאשכעס
נעמט אָטעם מיר פעלן.

די ווענט כ׳וואָלט צעשפּארט,
כ׳זאָל דעם הימל דערפילן,
די נאכט די נאטירלעכע
זאָל מיך פארהילן.

מעג זײַן א שטאָקפֿינצטערע —
ניט קיין סאקאָנע,
א שײַן טאָן קאָן פּלוצעם אף מיר
די לעוואָנע.

צי ראפּטאָם א שטערנדל
וועט זיך צעשיטן,
מיט יונגקײַט מיר אָנצינדן
מײַנע געבליטן.

* * *

איך וועל א שטילער, באַרויִקטער ליגן,
ניט קאָנען אפילע קיין שמייכעלע געבן.
איך, וואָס איך פלעג פאר געלעכטער זיך וויגן,
קײַקלען זיך, קאטשען דאָס גאנצענע לעבן.

א קופּקעלע מענטשן מיך וועלן באגלייטן,
יעדער וועט שטײַפער די ליפּן פארדריקן.
ניט קוקן וועט קיינער אין די אויגן דעם צווייטן.
ווײַל א געלעכטער וועט אלעמען שטיקן.

מע וועט זיך דערמאָנען, ווי איך פלעג דאָס לאכן,
זיך קײַקלען און הירזשען, זיך האלטן בא זײַטן.
וועט מען נאָך פעסטער די ליפּן פארמאכן,
עס זאָל כאָטש קיין כארפּע ניט זײַן פאר קיין לײַטן.

מע גייט נאָך א טויטן, און מע איז אזוי מונטער.
עס זאָל ניט באקומען זיך ווילד און מעשונע, —
וועט מען שוין בייגן די קעפּ אף ארונטער,
מע זאָל ניט צעלאכן זיך איבער מײַן טרונע.

נאָר איינער וועט מערער ניט קענען זיך צאמען
און געבן א שאָס מיט געלעכטער מיט גרויסן —
און אלע נאָך אים וועלן נעמען צוזאמען
לאכן, און הילכן וועט נעמען דער דרויסן.

און איך, וואָס איך פלעג פאר געלעכטער זיך וויגן,
קײַקלען זיך, קאטשען דאָס גאנצענע לעבן,
וועל מוזן, אפּאָנעם, א רויִקער ליגן,
ניט קאָנען אפילע קיין שמייכעלע געבן.

יונגוואלד

דער יונגוואלד פון דער ווײַט מיך ציט און רופט,
ס׳דערקוויקט דאָס הארץ די פרישע סמאָלע־לופט.
די סאָסנעלעך — איך שטעל אזוי זיך פאָר —
אין האלבן קרײַז א גרויסער מיידל־כאָר,
אין גרין געקליידט. עס ווארט דער ברייטער
פניאָק,
ארויף דער דיריזשאָר זאָל. ווען כ׳פארמאָג
דאָס לײַכטע צויבער־שטעקעלע, וואָלט באלד
א הילך געטאָן די שענסטע ליד אין וואלד.

דער זשאר נאָך טלי׳עט

די זון פארגאנגען איז...
נאָר פאר מײַן בליק
א פונק פון זשאר נאָך טלי׳עט —
די קראָען קראקען אינעם טונקלען וואלד,
ווי עמעצער וואָלט מיט די ציין
געסקרי׳עט.

די היימלעכקײַט אנטרינט,
ס׳ווערט קיל.
ס׳דערטראָגט פון דאָרף דער ווינט
דעם ערשטן ביל
פון הונט.
א שיינער יולי־טאָג אוועק איז
אָן א זײַ־געזונט...

אָנהייב מארט

כ׳בין אָנהייב מארט
אין וואלד אריַינגעקומען.
עס ווארעמט ליב די זון מיַין פּאָנעם.
די פליגלען ברייט צענומען,
שוועבט, ווי א פאווע, א וואָראָנע.
ס׳איז שוין אין לעכעלעך דער שניי,
און טונקלער ווערן זיַינע דימענטן,
בריליאַנטן.
ד׳עם ווינטערס ענדיקט זיך מעמשאָלע.
א יונגער פרישער ווינט פון דאָרעם־קאַנטן
צעוויגט האָט די בעריאָזעס. פריי זיך, פריי,
מיַין הארץ. כאַפּסט אָנעט נאָך א פרילינג
בא דער פּאָלע.

* * *

מײַן סאנאטאָריע, ווי א שניי־געצעלט,
צעווישן זילבער־סאָסנעס זיך באהאלט.
די שטילקייַט און די רייַנקייַט פון דער וועלט —
אין אָונטיקן ווינטערדיקן וואלד.
מײַן שטעגל די לעוואָנע מיר באלײַכט.
די לופט די פּראָסטיקע, ווי קאלטן ביר
געשמאקן, זופּ איך, זויף איך אָן א שיר.
די הענט און פיס מיר ווערן מאָדנע לײַכט.
מיט כיעס כ׳שטעל זיך אָפּ און כ׳קוק און הער —
די שטילקײַט האָט קיין ברעג ניט און קיין סאָף.
נאָר מיטאמאָל — א קלאפּ געטאָן האָט ווער? —
א דלובע גיט דער פּיקהאָלץ דאָס פון שלאָף.
דאָס כאָלעמט זיך דעם אקשן, מינאסטאם,
א ווערעמל אין קאָרע פונעם שטאם.
מײַן סאנאטאָריע, ווי א שניי־געצעלט,
צעווישן זילבער־סאָסנעס זיך באהאלט.
די שטילקײַט און די רײַנקייַט פון דער וועלט —
אין אָונטיקן ווינטערדיקן וואלד.

* * *

דער פּיקהאָלץ, פון באָר
די צענטראַלע פיגור,
לאָזט איבער אין הארצן
א ליכטיקן שפּור.
גייט לאַנגזאַמער,
הילכט ניט אין פּראָסט מיט די
טריט.
און הערט, ווי עס קלאַפּט אַף
דער סאָסנע
דער שמיד.
ער דלובעט און עגבערט
א מעכטיקן סוק.
עס האַמערט זײַן שנאָבל —
טוק־טוק און טוק־טוק
און רוט זיך אפילע
קיין רעגע ניט אָפּ.
דער פּיקהאָלץ האָט פּאָשעט
אַן אײַזערנעם קאָפּ.
איך שטיי שוין אוואַדע א שאָ
און איך קוק —
עס האַמערט דער פויגל —
טוק־טוק און טוק־טוק.

ווי ערלעך און שווער
ער דאַביוועט זײַן ברויט.
דאָס גוטס פון דער וועלט
כ׳וואָלט דעם פיקהאָלץ פאַרטרויט!..

* * *

ווי דו זעסט,
קאָן די גאָלדענע קאלב
ווערן מעגולגל
אין אטאָם פון טויט...
וועט ניט בלײַבן דער שוואלב
קיין בלעטל, קיין שטרויעלע,
קעדיי בויען א נעסט,
ווו צו אויסבר׳יען אייעלעך,
און דער בין —
קיין איין־איינציקע קווייט...
— — — — — — — — — — — — —
אוי, ווי לעפישעוואטע איך בין.
וועט דען בלײַבן די שוואלב מיט דער בין?..

* * *

נו, דאכט זיך, וואָס —
א וואָלקן איז פארשוואונדן,
און וויפל פרייד דערוועקן
די זונען־פלעקן
אף די ווענט.

גלײַך ס׳וואָלטן רירעוודיקע הענט
א פריילעך שײַטערל
אין הארץ בא מיר צעצונדן,
און ס׳טועט שוין ניט ווי מיר
מײַנע וואונדן.

* * *

וואָס עלטער ווער איך,
אײַנגעשרומפּן, קלענער,
אַלץ גרעסער זיך צעוואַקסן
מײַנע פּלענער.

גראָד איצטער פעלט מיר
פּראָסטער יונגער קויעך.
פּאַרוואָס זשע אף דער וועלט איז
אַלץ קאַפּויער?



* * *

מײַן גוטע טויב — דו ביסט מײַן ליבע מאכט,
און נאָר פאר דיר כ׳וויל נויגן זיך און בוקן,
אין דײַנע גרויסע שווארצע אויגן קוקן,
ביז זאָגן וועסטו מיר: א גוטע נאכט. —
דאן וועל איך שטיל אוועק און פון באגינען
אפסנײַ מיט פלײַס דיר טרײַ און ערלעך דינען.

* * *

ניט אנדערש, ווי דו ווילסט זיך מיט מיר רייצן.
איך וועל דיך כאפן, ווי א גארב מעלייצען.
איך קריך דורך קוסטעס און געדיכטע צווײַגן.
און שרײַ „א־או״... אנטרינסט פון מײַנע אויגן.
איך האָב מײַן ברעם צעראצט, מײַן עלנבויגן.
איך דריי מיך אויס צוריק, דו קוקסט אַף מיר מיט נײַגער
פון דײַן באהעלטעניש (מײַן הארץ נעמט קלאפן)
און לאכסט פון מיר מיט שיידימלעך אין בליק:
— וועסט מיך ניט כאפן...

* * *

א ווינטל בלעטער שיט אף אונדז און שיט.
צו זאָגן דיר מײַן צונג מיך מאמעש בריט —
איך וואָלט אזוי מיט קושן דיך באשאָטן... —
דו גייסט מיט מיר. דײַן האנט אין מײַנער כ׳האלט.
אַ בליאסק גיט זון אין אָסיענדיקן וואלד
און שענקט אפסנײַ די שפּיל פון שײַן און שאָטן.

* * *

אין בונטן פילקאָלירנדיקן קלייד
שײַנסט, מיידל, ווי אַן אפריקאנער פּאווע.
דײַן קלייד האָט קעשענעס, וואָס זײַנען ברייט
ווי טאָרבעס. פלינק מײַן קאָפּ מײַן קוטשעראווע
אוועקלייגן אין איינער כ׳וואָלט פון זיי,
ווי אין א שויס. דאָרט וואָלט געווען אים בעסער.
און אין דער אנדערער וואָלט איינס־און־צוויי
ארײַן א רײַפער קאוון אן אָדעסער.

* * *

איך טרײַב אין קאַרק זיך נאָכאַנאַנד:
„ניט לאָז זיך אָפּ, ניט זאָרג, ניט גרוי ווער!”
איך בענק נאָך דײַן געזונטער האַנט,
וואָס ניט געקענט האָב איך זײַן גיווער.

די פינגער מײַנע דריקסט און לאַכסט:
— מײַן פאָטער איז געווען א פּויער, —
דערבײַ מײַן בלייכע האַנט באַטראַכסט, —
און איך — א שטײַפע מויד — א מויער.

צום כאָסן מײַנעם זעכצן ווערסט
פלעג איך אַף א בולאַנעם רײַטן, —
און טוסט מיר סטאַם א זאָג: „דו הערסט?”
מיט קלינגענדיקן קאָל פאַרשײַטן.

די דלאָניע דײַנע כ׳נעם אַפּסנײַ.
ס׳איז גוט דײַן קרעפטיקײַט צו צערטלען.
און דו קוקסט ווייל אַף מיר און טרײַ
און הערסט ניט אוף מיט מיר זיך ווערטלען.

איך טרײַב אין קאַרק זיך נאָכאַנאַנד:
„ניט לאָז זיך אָפּ, ניט זאָרג, ניט גרוי ווער!”
איך בענק נאָך דײַן געזונטער האַנט,
וואָס ניט געקענט האָב איך זײַן גיווער.

* * *

פאַר דיר מײַן האַרץ
איז קײנמאָל אונטער זיגל.
פאַר דיר מײַן טיר
איז פרײַ פון שלאָס און ריגל.
און אָפן מײַנע טיש־קעסטלעך,
קאָמאָדן.
און קומען װאָלסטו
אָנטאָן מיר אַ שאָדן,
אַ קעלישעק צעברעכן
צי אַ טעלער,
װאָלט מײַן געמיט
דערפון נאָך װערן העלער.

* * *

װערסט אומעטיק
און טונקל,
װי דער װאלד,
בײס אומגעריכט
די זון זיך פֿארבאהאלט.
נאָר ס׳פֿרײט מיך,
װאָס דאָס װאָלקנדל איז קלײן.
און װידער לױכט דײַן פּאָנעם
פֿול מיט כּײן.

* * *

זע, איין וואָרצל דרײַ בעריאָזעס אויסגעכאָוועט האָט.
וויגן זיי זיך אום, ווי שוועסטער אין א קאַראַהאָד.

אין דער הייך די גרינע קרוינען, ווי איין קאָפּ געקרויזט.
און די ליכטיק־ווײַסע שטאַמען פֿאַרן וואַלד אַנטבלויזט.

ווילט זיך מיר אַנידערשטעלן אינעם יונגן קרײַז.
מײַנע הענט צענעם איך טייקעף, צו די שוועסטער כ׳שפּרײַז.

די בעריאָזעס זיך צעררוישן, נעמען מיך אַרײַן...
און איך טאַנץ און זינג מיר אונטער, בא לעוואָנע־שײַן...

* * *

די אויער־לעפּלעך דײַנע צאַרטע,
די קלינגענדיקע טריט די האַרטע,
דײַן בליק, וואָס שענקט מיר פֿודן פֿרייד,
צערודערט האָבן זיי מײַן זינען.
און אַלץ, וואָס כ׳טרוים נאָך צו געווינען,
פֿאַרשפּילן בין איך מיט דיר גרייט.

* * *

איך רוף אין דימיען דײַן געזיכט,
די טרײַע שײַן פון דײַנע אויגן.
פֿארשטעלט דײַן אָנבליק אומגעריכט
גאָר ניט געשטויגן, ניט געפלויגן
א פרוי, וואָס כ׳האָב איין אויגנבליק
געזען אין א האמויך־געזעמל,
מיט עפשער פופצן יאָר צוריק
און קלאָר, אזוי ווי אין א רעמל,
וואָלט אף מײַן טיש איר בילד געשטאנען...
ווי קומט אזא מיראזש,
פונוואנען?

* * *

געבענטשט איז דאָס שווײַגן.
מיר בעטן מעכילע דאָס ברײַען.
מיר וועלן אײַך, ווערטער, פאַרופן,
ווען צײַט וועט אונדז סטײַען.
די אויגן קיין בייז זאָל ניט שאַטן,
מיט טרײַשאַפט אונדז דינען,
דעם כיין איינס באַם צווייטן,
ווי קוואַליקע פרישקײַט געפינען.
דײַן שמייכל דײַן שטילער,
די אייוורים געטאָקטע, וואָס בלענדן,
פאַרטראָגן קיין רייד ניט,
צו זיי בלויז מיט קושן זיך ווענדן.
נאָר כ׳האָב אין מײַן האַרצן,
אַזוי ווי אַן אויצער פאַרבאָרגן —
באַגינען דיר זאָגן:
— מײַן נאַכעס, מײַן לעבן, גוטמאָרגן!

* * *

מײַן לוסטיק לעבעדיק בלימל,
ווען ס׳טוט מיך דער ווינט,
ווי א שטויבל א טראָג
צו דײַן אָפּענעם פענצטער
אפֿן זיבעטן שטאָק,
וואָלט איך זײַן
אפֿן זיבעטן הימל.

* * *

א גאַנצן טאָג דער רעגן גייט און גייט.
כ׳געפֿין זיך ניט קיין אָרט פֿון אומעט.
ביסטו, מײַן טרייסט, אַרײַנגעקומען
(פּיטש־נאַס די זאָקן און דאָס קלייד)
מיט ווײַן א פלאַש
און זאָגסט מיר: „טרינק געזונטערהייט!״
איך האָב דיך אין פּיר קאָלדרעס אײַנגעדרייט,
פֿאַרדעקט די פֿיס דיר מיט מײַן קישן.
און צוגערוקט צום בעט דאָס טישל,
געפּאָיעט דיך מיט הייסער טיי
און קאָניאַק־טראָפּנס.
און דיר מײַן קאָפּ אוועקגעלייגט
צוקאָפּנס...

* * *

אז צווישן מענטשן שעם איך זיך,
און נאָכדעם בענק איך, קלעם איך זיך...
ווען זײַן כ׳וואָלט צווישן טויבן —
צעפּלאַטערט און צעשויבערט,
פון סאַמע אינדערפרי,
שוין נאָכגיין וואָלט איך זי;
ניט אָפּטרעטן, ארומפּאַדזיען,
א שפּרינגל טאָן, א טופּע טאָן
און וואָרקען, ברומען צאַרט,
זי רופן אײַנגעשפּאַרט,
זיך פּעדערן און צירן,
לעם זיך פּאָרויס זי פירן
מיט וואַזשנעקײַט, דערהויבן...
ווען זײַן כ׳וואָלט צווישן טויבן,
פון סאַמע אינדערפרי
האָלובען וואָלט איך זי.
נאָר צווישן מענטשן שעם איך זיך,
און נאָכדעם בענק איך, קלעם איך זיך...

באַם פענצטער שטיי

כ׳האָב באַטאָג פאַרצייכנט זיך גענוי,
וויאַזוי צו דיר אין אָוונט קומען,
וועלכע סטעזשקע מערער איך פאַרטרוי,
שטיינדלעך זאָלן אונטער טריט ניט זשומען;
ניט צעברעכן כ׳זאָל א קוסט, א צווײַג,
ניט צעטרעטן אין דער פינצטער בלומען.
דו אליין באַם פענצטער שטיי און שווײַג,
ווען איך וועל צו דיר, מײַן ליבסטע, קומען.

* * *

וועז פונעם בארג־אראָפּ, אַף אספאלטירטן
שטעגל,
דערהער איך הינטער זיך דאָס קלאפּן
פון פרויען־קנאפּעלעך, — אומעגלעך
איז ניט צו אָפּשטעלן זיך, א קוק צו כאפּן,
ווער ס׳שפּאנט עס אזוי שטײַף און יונג,
וואָס יעדער טראָט רופט אָפּ זיך אין דעם הארצן
מיט א קלונג.

* * *

דו גלייבסט מיר ניט
פונדאנען ביז אהער.
און ווו איך זאָל ניט געבן זיך
א קער,
דײַן בליק איז שווער און בייז
און קעציש־גרין.

דו גלייבסט מיר ניט פונדאנען
ביז אהין.
און ווען כ׳פאריגל הינטער זיך
מײַן טיר,
איך פיל, ארײַנשטעלן „אן אייגל" וואָלסט
אין איר.

* * *

ווען פֿאַרמאָגט וואָלט איך, מײַן ליבסטע,
שימשנס װוּנדער־גװוּרע,
כ׳וואָלט די וועלט אַרײַנגענומען
אין מײַן ערשטער שורה.

וואָלט זי, ווי אַ טראָפּן ראָסע
אױף דעם בלאַט באַגינען,
לויכטן, ווי אַ רעגנבויגן
און דײַן כּיין געווינען.

* * *

איך וואַרט אויף דיר באַטאָג,
באַנאַכט,
מײַן טיר איז פאַר דיר אָפן.
אַזש ביז באַגינען בין איך וואַך.
טויט־מיד איך ווער אַנשלאָפן.

דאַן קומסטו שטיל אַרײַן, מײַן
פרייד,
אַ צעטעלע לאָזסט איבער:
— שלאָף, שלאָף געשמאַק,
געזונטערהייט,
אַ פעפער ביסט, מײַן ליבער.

די װערבע־צװײַגלעך

די פֿרילינגדיקע װערבע־צװײַגלעך
אין דער װאַזע
דערמאָנען מיר דײַן רײצנדיקן אַזעס.
זײ האָבן פֿון די נעגעלעך אַרױסגעלאָזט
די קעציש־װײכע פֿינגערלעך,
װי סאַמעט.
און ניט אומזיסט מיסטאָמע
אַװעקגעשטעלט דו האָסט
די װערבע־צװײַגלעך
אױף מײַן טיש, —
כ'זאָל קוקן אַלע װײַלע,
די װאַסער זאָל זײַן
פֿריש.

* * *

איך לעב און שאַף
אין פרילינג־וואלד.
אַט וויַיזט אין שויב זיך
דיַין געשטאלט.

מיט היימלעכקיַיט
דו טראָגסט אריַין
אין צימערל צו מיר
ניט וויַין, —
א פולן, ווי אן אויג
גראפין
בערעזע־זאפט,
ריין, ווי בורשטין.

איך טרינק,
פאמעלעך —
שלונג נאָך שלונג.
און יעדער טראָפּן
מאכט מיך יונג.

מיט יעדן טראָפּן
קומט צו קראפט.
א דאנק פאר דעם
בערעזע־זאפט!

* * *

א גאַנצן טאָג איך ווישׁ און פּוץ
די שליסעלעך די צוויי.
פון אַלדאָסבייז פאַר מיר א שוץ
א גרויסע זײַנען זיי.

פון מינדסטן שטויב און זשאַווער־פלעק
די שליסעלעך כ׳פאַרהיט.
צו זיי מיט גלויבן און מיט שרעק
מײַן בליק איז צוגעשמידט.

מיט איינעם כ׳עפן ציט׳ריק־צאַרט
א פּאַלאַצל — ניט שטוין, —
דאָס פּאַלאַצל — דאָס גאָלדן האַרץ
דער פּרויס, וואָס איז מײַן קרוין.

דאָס צווייטע שליסעלע... בעסאָד
כ׳וועל דיר באַווײַזן שטיל
די טיר צום ווירבל־קאַראַהאָד,
צום טהאָם פון ווערטער־שפּיל.

דערפאַר א גאַנצן טאָג איך פּוץ
די שליסעלעך די צוויי.
פון אַלדאָסבייז פאַר מיר א שוץ
א גרויסע זײַנען זיי.

* * *

ס׳דרייט א זאווערוכע, ס׳רוישט דער פּאַרק,
ס׳וואַרפט דער ווינט פון סאָסנעס הרודעס שניי,
טרעפן קאָן א הליבע איינס־און־צוויי,
רוק איך אָן דעם קאָלנער אפן קאַרק,
נאָר אוועקגיין קאָן איך ניט אצינד,

כאָטש עס וואַרפט מיך פון די פיס דער ווינט
און פאַרפּאָראָשעט בין איך און פאַרווייט —
ס׳דאַרף אהערצו אָנקומען מײַן פרייד,
קומען, קומען דאַרף מײַן גרויס געווינס
אין א שיינעם היטעלע א גרינס.

* * *

בלויז נאָך איין שטריכעלע —
וואָלט פול געווען מײַן וועלט.
נאָר צו מײַן בילד מײַן שיינעם,
פיל איך, פעלט
אַן איין־און־איינציק שטריכעלע —
דער בליאַסק פון גאָלדן צויבער־שיכעלע,
וואָס אין דעם מײַסעלע האָט זאָלושקע פאַרלאָרן.
דאַן וואָלט מײַן בילד גלײַך לעבעדיק געוואָרן
און שיין, ווי זאָלושקע אליין.
איז פּלאָנטערן זיך אָבער
און מישן די קאָלירן.
און ווי לעהאַכעס
כ׳קען ניט אופכאַפּן, דערשפּירן
דעם שטריך דעם סאַמע, סאַמע וויכטיקן,
וואָס וואָלט געבראַכט מיר גרויסע פרייד,
א טאָג א ליכטיקן.

* * *

אף שנײ־שיך גיך א מײדל פּאָרט אין רויטן
היטעלע
דורך ווײַסן וואלד.
און ס׳שווינדלען אירע ביידע ליזשע־שטעקנס.
— מיט מײַנע צוויי וואָלט זײַן שוין א
באדעקנס, —
טו איך א שפּאס. זי גליטשט זיך אויס און פאלט:
— דאָס בין איך, — ענטפערט זי, — געפאלן
פון געלעכטער.
איר האָט דאָך שוין צוויי גרויסע קאלע־טעכטער. —
איך שטרעק איר אויס א האנט. איר אופהייבן
זיך כ׳העלף.
— צו רויטע היטעלעך זיך קלעפּן שטענדיק
וועלף, —
גיב איך א זאָג דעם יונגן מײדל סטאם.
וואָס טוט ניט א פּאָעט צוליב א גראם?

* * *

װען כ'פּאַל אַרײַן
אין כײַן־גריבעלעך דײַנע,
איז װער װאָלט מיך פון דאָרט אַרױסגעצױגן?
אַז אָט־אָט דײַנע ליפּן זײַנען,
און אָט־אָט — דײַנע אױגן.
אַ בער איז גרינגער
פון דער נאָרע צו פאַרטרײַבן.
כ'װאָלט דאָרט שױן, אין די גריבעלעך,
פאַרבלײַבן.
איך װאָלט אַ בענקעלע
פון שמײכעלעך געמאַכט זיך,
געזעסן און געלאַכט זיך.

* * *

א שישקע איז געפאלן אף מײַן שטערן,
נו, דארף איך אף דער סאָסנע ברויגעז ווערן?
אזעלכעס קאָן ניט קומען גאָר אין זינען.
געגאנגען דורכן וואלד בין איך באגינען,
פארקוקט זיך אף א סאָסנע אף א שלאנקער —
איר שטאם, ווי מעש געשײַערטער, טוט בלאנקען.
ווי שיין זי איז און גלײַכער פון א סטרונע,
אין קרוין צו איר ארײַן די גאנצע זון איז.
ס׳טראָגט דורך זיך א געדאנקל — א קאנאליע:
„ס׳געפעלט מיר שטארק איר שטאלטנעקײַט, די טאליע״...
האָט מיטאמאָל אזא מין זאך געטראָפן:
א ווינט א ראשיקער איז אָנגעלאָפן,
א וויג געטאָן די סאָסנע. זי, מאשמאָעס,
א שלײַדער גיט א שישקע אלפי־טאָעס.
די שישקע איז געפאלן אף מײַן שטערן.
נו, דארף איך אף דער סאָסנע ברויגעז ווערן?

אונטער פיר אויגן

כ׳האָב פּאָשעט און פּראָסט זיך געצוויגן
צו זײַן מיט דיר אונטער פיר אויגן.

האָט שטענדיק אזוי זיך געמאכט —
געווען זײַנען זעקס אָדער אכט.

כ׳פלעג זיצן אין ווינקל בישטיקע,
אלץ ווענדן צו דיר מײַנע בליקן...

— „ווען דײַנע מיט מײַנע זיך טרעפן״...
נאָך ברייטער די אויגן כ׳צעעפן.

דו שמייכלסט און טוסט צו מיר זאָגן:
— איר זײַט עפּעס זייער צעטראָגן... —

און קערסט זיך גלײַך אויס צו א צווייטן.
איך בײַס זיך די פינגער ביז ווייטעק.

נאָר דאָך איז געקומען די רעגע —
מיר האָבן זיך ביידע באגעגנט.

מיט ציטער אין קאָל מײַנעם כ׳טײַנע:
— פיר אויגן, נאָר דײַנע און מײַנע.

דײַן קאָפּ כ׳האָב צו זיך צוגעצויגן.
פארמאכסטו גאָר פּלוצעם די אויגן...

* * *

אף דײַן מידן פּראָפיל פאלט מײַן בליק,
ווערט מײַן הארץ פון ווײ צונױפגעדריקט.
אין די קנייטשן, וואָס באם ווינקל מויל
זיך פארטײַען, זע איך פּײַן און גרויל
און באהאלטן, ווי אין א געצעלט, —
אלע גרעסטע אוולעס פון דער וועלט.

אָדליגע

אין אָדליגע. אוי, ווי מעסוקן גליטשיק איז
צו גיין באַטאָג איבער געגלאָזטע טראָטוארן.
פון סטרעכע ווינקט א זוניק־פינקלענדיקע שפּיז:
„נעם מיך אין האַנט, ביסטו באַוואָרנט פון געפאַרן"...

איך שאַר זיך פאָרזיכטיק. איך צייל קימאַט די טריט,
און ראַפּטאָם איך דערזע (איך קוק פאַרגאַפט מיט קינע):
א יונגינק מיידל אײַלט, און מאַמעש, אַז זי פליט
אין פײַנע לײַכטע שיכלעך געלבלעך־גרינע.

עס דאַכט: ניט איבער אײַז — איבער א זומער־פעלד
זי גייט פאַרבײַ דעם דופּטיק־בלױענדיקן קאָרן.
עס דאַכט: ס'האָט דורכגעשוועבט פאַר מיר מײַן יונגע וועלט —
די ערשטע אַכצן פריילינגדיקע יאָרן.

איך גיב א קער דעם קאָפּ. דאָס מיידל שוין פאַרשווינדט.
די לײַכטע שיכלעך האָבן נאָך אין שניי געגרינט...

* * *

דעקאבער־נאכט. לעם שווארצן וואלד.
דער מוילעד איז נאָך ניט געבוירן.
דו גיסט א טראָט, און דײַן געשטאלט
ווערט אין דער פינצטערניש פארלוירן.

א שפאן פאָרויס אין כוישעך כ׳גיב...
אׅ בוים... א קוסט... דו ביסט אנשוויגן.
ווּ ביסטו? — כ׳שרײַ. — טו מיר צוליב. —
צעלאכסטו זיך מיט פארגעניגן;

אָ, לאָמיר גיין צו לאָמפּן־שײַן,
עס איז דאָ פינצטער, ווי אין קייווער, —
איך כאפ דיך אין די הענט ארײַן, —
גרייט אויסצוקושן יעדן אייווער.

* * *

איך האָב א געוווינהײט צו הערן און גלויבן
דעם כאַשעוון כאוועך מעטעאָראָלאָג.
קאכהאווע, זיך אופגעכאפּט האָב איך פארטאָג —
פאַרשאָטן מיט שנײ איז מײַן גאנעק ביז אויבן.

די הילצערנע לאָפּעטע באלד כ'האָב גענומען,
אף אײגענעם גאנעק דעם שנײ ניט גערירט
(איז הימל זיך האָבן נאָך שטערן געצירט),
כ'בין איבער די פּוכיקע הורבעס געשווּמען.

און שנעל צו דער טיר פון איר שטוב זיך
דערקליבן.
כ'צעשלײַדער דעם שנײ און דאָס שטעגל
כ'מאך ריין,
אז לײַכט זאָל איר זײַן אין די שטיוועלעך גײן.
צוריק כ'לויף צו זיך און צו טראכטן איז
ליב מיר —
מײַן ווילע וועט אָנשטויסן זיך אָדער ניין?..

אָפן פּלאַץ „וועראַ כאָרוזשע"

ניט אַ מוז זיך טרעפן אָף נעמיגע
באַ די אַלטע, באַ די רויטע ציגל.

— וווּ זשע טרעפן וועלן מיר זיך, וווּ זשע?
אָפן שיינעם פּלאַץ „וועראַ כאָרוזשע",

— וווּ לענגויס די טראָטואַרן ברייטע
ראַבינעס מיט פּאַטשערקעס מיט רויטע.

יונגע ראַבינעס, זיי וועלן דיר געפעלן.
ס'ציִען זיך די הענט צו די קאַרעלן.

כ'וועל מיט זיי דעם האַלדז דײַנעם באַצירן,
ביז שטאָקנאַכט דאָרט וועלן מיר שפּאַצירן.

אין דער פינצטער אויסקושן איך וועל
אָף דײַן האַלדז אַ יעטווידע קאַרעל.

מײַן ראבינע

דער ראבינע
אנטקעגן פענצטער מײַנעם,
איך בין איר שוין געוויס
פון לאנג דערווידער:
איך נעם פון איר די אויגן ניט אראָפּ
און לייען איר פון פרי ביז אָוונט לידער.
אין הויז דערבײַ א יונגינק מיידל לעבט.
זי האָט פון מיר פארשטעלט זיך מיט גארדינען...
די ראבינע, זי לײַדט, נעבעך, און שווײַגט
און זעט און הערט מיך ווידער פון באגינען...

די פּליעסטשעניטשער ראַבינעס

די פּליעסטשעניטשער ראַבינעס
איינס פון דער צווייטער פײַנער.
מיר דאַכט, זיי שעפּטשען שטילערהייט:
„אוי, קום, באַשערטער מײַנער!".

ניט סתּם זיי שטייען אויסגעפּוצט
אין האַרבסט־טאָג לויטער־העלן
און ווינקען מיט רויט־פּלאַמיקע
ציגײַנערשע קאַרעלן.

עס קלאַפּט מײַן האַרץ, עס דאַכט זיך מיר,
אַז שוואַרצע אויגן גלאַנצן.
אַז אָט וועלן די ראַבינעס
אַוועקלאָזן זיך טאַנצן.

זיי שמייכלען אָבער צו דערבײַ:
„מיר האָבן שאַרפע ריטער...
און אָפּצונאַרן איז אונדז שווער,
מיר זײַנען זייער ביטער".

און שעפּטשען ווידער שטיל און הייט:
„באַשערטער און געטרײַער"...
די פּליעסטשעניטשער ראַבינעס,
זיי זײַנען פלאַם־און־פײַער.

שאַרף, און פֿון, און שײַער

* * *

דערלאַנגסט אַ שלײַדער
דײַנע שורעס, ווי די קלעצער.
און הובלען, טעסען, שלײַפֿן
זאָלן איבערזעצער.

ניין, שאַרף און פּוץ און שײַער
ס'וואָרט אויף מאַמע־לאָשן,
נישט ווערן זאָל זײַן ליכטיק פֿײַער
אויסגעלאָשן.

זאָל טאָן דײַן וואָרט פֿאַר מיר אַ שײַן,
ווי זיבן זונען.
זײַן שטאַרק און זיס, ווי גוטער ווײַן
פֿון אַלטע טונען.

* * *

איך פֿאַל באַ זיך ניט אַראָפּ מיט מײַן ליד
לעגאַבע די גרויסע ליטעראַטורן.
אַ מינדסטער שטערנדל זיך צעשיט —
זעט די ערד זײַנע ליכטיקע שפּורן.
איז צו טרויערן גאָרניט קעדײַ:
איך שרײַב פֿאַר צוויי כאַשעווע לעזערנס מײַנע —
מײַן ווײַב הינדע
און מײַן שוועגערן ברײַנע.
אָ, אַדבעלעדײַ!

* * *

מעגסט פלאָנטערן אַן אַלכע מיט א בוק,
א סאָסנע פון א יעל ניט אונטערשיידן,
נאָר סטאַרע זיך ניט זײַן צו טיפזיניק, צו קלוג,
מיט מענטשן שיין און פּאָשעט זאָלסטו ריידן.

ווײַל ווערטער האָבן אויכעט צאַרטע הענט
און זײַבען דיך, ווי בּײגעוודיקע שטאַמען.
ניט דריי זיי און ניט ברעך זיי און ניט שענד,
ניט שטופּ מיט קויעך זיי אין דײַנע גראַמען...

* * *

הינטער הויכע בערג
און הינטער טיפֿע יאַמען
וואָלט איך זיך באַהאַלטן
פֿון די אַלטע גראַמען.
כ'רוף זיי ניט און כ'בעט זיי ניט,
ווײַל פֿון זיי ניט וויסן,
לויפֿן זיי אַנטקעגן,
נייגן זיך און גריסן
אַזוי צערטלעך־נאָכגיביק
מיט אַ צונאָג־שמייכל.
אָפּגענוצטע גראַמען
האָבן אָבער סייכל,
ווי מיך צו פֿרײַנאַדיען,
כ'זאָל פֿון ליבשאַפֿט ווידער
אויף די הענט זיי טראָגן
אין די נײַע לידער.

איינעם א פּאָעט

ווער א קאפּל היימלעכער,
כיינעוודיקער, העלער!
ווארף אוועק אין קאפּעקאַל
דעם אלטן בריוונשטעלער.

פּילפּונקטן און פּילפּונקטן,
צי ניט די אצאָמעס.
פּאָשעטע, געוויינלעכע
פונקטן שטעל און קאָמעס.

לאָז צורו די פּראגעצייכנס,
קלאָץ און ווידער קאשע.
ס׳ווערט שוין בא דיר טארגעם־לאָשן,
אונקעלעס און ראשע.

ווידער „גענדז״ און קלאמערן,
„סנאָסקעס״ און פּיירושים.
זײַ ווי קאטיע מאָלאָדיצע,
וועל איך דיך צעקושן.

ווער א קאפּל היימלעכער,
כיינעוודיקער, העלער!
ווארף אוועק אין קאפּעקאַל
דעם אלטן בריוונשטעלער.

א ביסל דיכטערישע זעלבסטקריטיק

די פוסטע שוואָכים הער איך שוין
אצינדער, ווי דעם קאָטער.
איך בלעטער מײַנס א סייפערל
די גרייס פון א טאַל־אומאָטער.

וואָס קירצער איז, אלץ בעסער גראָד,
ניט דאָס איז דער כיסאָרן:
מײַן וועג געמאָלט כ׳האָב שפּיגל־גלאַט,
ווי לאָשעקלעך — די יאָרן.

פּאר בושע ברענט מײַן פּאָנעם איצט —
קיין שטיינדל ניט, קיין דאָרן...
געקײַקלט האָט מײַן דראָשקע זיך
אף גלאַנציקע רעסאָרן.

און אלץ איז ראָז — דער וואלד, דאָס גראָז,
א שפּילכל יעדער מײַל איז.
געוואקסן איז טאָג־אײַן,
טאָג־אויס
מײַן קעלבערנע היספּײַלעס.

אצינדער, אז איך קוק זיך אײַן,
פארשעם איך מיך דעריבער —
געוועזן אף מײַן שליאך דורכויס
קאָלדאָבינעס און גריבער.

* * *

ס׳איז אלץ בא דיר
ווי ס׳דארף צו זײַן:
דער שניי איז ווײַס
און רויט דער ווײַן;
און רײַך דער קלאנג
און דער פארגלײַך;
צום אָרט דער גראם,
און ס׳האלט דער
כעזשבן
פון די טראפן.
בלויז ס׳פעלט פון יאם
א טראָפּן...
זאלץ,
און אויסער דעם
איז בא דיר
אלץ...

נאָך א שלאָפלאָזער נאכט

— ביסט ניט געשלאָפן,
לעבן מײַן?
— קיין טראָפּן ניט.
— עס קאָן ניט זײַן,
אוי, גאָט באהיט...

— אן איידעס מײַן מארשאס,
די ליד,
וואָס האָט געדרעלעוועט
מײַן זינען
א נאכט א גאנצע
ביז באגינען.

איך וואָלט זי טאָן
א צי, א שלעפּ
פאר אירע לאנגע
שורעס — צעפּ,
דערלאנגען
א פּאָר גוטע קלעפּ,
נאָר ס׳נעמט מיר
אין די אויגן גרינען,
אונטער די פיס —
די ערד אנטרינען...

* * *

כאמישים ווערט מיר, דאָך ניט אלט.
עס פעלט א יאָר, איין „אייגל״.
איך קום אין זומערדיקן וואלד
צו צוויטשענדיקע פייגל.

נו, האָט אן „אייגל״ א באטרעף
באם שיינעם וואלד דעם גרינעם,
אז אָנגעשטאָפּט ארום ז׳די ערד
מיט שישקעלעך בעכינעם.

מיט אייגלעך זײַנען שישקעס פול,
מיט זומען גליק און לעבן.
דער וואלד דערלאנגט א פּניאָק — א שטול:
— היי, רו זיך אָפּעט, כלעבן.

אף אונדזער פייגלשן קאָנצערט
צו גיין איז אף בילעטן.
נאָר גאָלד און זילבער האָט קיין ווערט
בא וועלדער און פּאָעטן.

* * *

כ׳שטיי באַ דעם ווײַסן ווינטער־פעלד.
כ׳קוק אַף זײַן קלאָרער פוכקער פערענע...
איך לייקן ניט: בעעמעס, מיר געפעלט,
וואָס כ׳ליג ניט אונטער איר,
ווי א פארוועלקטער בלאַט,
נאָר האָווע נאָך אדהײַעם, ווי א שפערעלע.
געוועזן אין שלאַכט בין איך און ערלעכער סאָלדאַט,
געזשומעט האָבן קוילן ארום מיר,
ווי בינען.
איז קאָן איך מיר א קאַפּעלע פארגינען
באַם ווײַסן ווינטער־פעלד צו שטיין
און טראַכטן וועגן מענטשלעכן געביין.

מײַן פֿרײַנט דעם װײַסרוסישן פּאָעט

מיר דאכט, מײַן װיי אין הארצן װערט
פארשטיינערט.
איך װייס, אז זייער־זייער גוט פארשטיין מיך
קענסטו, מײַן פֿרײַנט, װײַסרוסישער פּאָעט.
האָסט הײַנט אין װאלד געהערט, װי מיט די
ביימער
אף יידיש האָב איך אפֿן קאָל גערעדט.
דער עכאָ איז זיך הילכיק־פריש צעגאנגען
איבער דעם הארבסטיק־סוידעספולן באָר.
געװען זײַנען דיר הארציק־ליב די קלאנגען.
און אלץ פארשטאנען האָסטו דײַטלעך־קלאָר.

* * *

איך ווין אין וואלד
און קלאפּ מײַן ליד אַף דער מאַשינקע.
דער פּיקהאָלץ אינעם בוים
קלאפּט האסטיקער און פלינקער.

איך גיי צום פענצטער צו,
מיר דוכט, זײַן ליד איז שענער:
סײַ ריטמישער,
סײַ הילכיקער די טענער.

עס שטייען ניט גערירט
די שטאלטנע סאָסנע־שטאמען,
זיי הערן מיט געשמאק
דעם פּיקהאָלצס נײַע גראמען.

בא דעם דיכטערס מוטער

דעם ווײַסרוסישן דיכטער
ריגאָר באָראָדולין געשענקט

אינעם שטעטעלע אושאטשי
זײַן האָב איך אין זינען
בא דעם דיכטער באָראָדולינס
מוטער אקולינען.
קאלטע באָטווינע מיר ברענגען
וועט זי פון איר קעלערל.
ניט דערלאנגען וועט פון הימל
קיינער אזא טעלערל.
מיינט ניט, אז איך בין אזוי
פארקאָכט אין דער אכילע —
כ׳עסדיקײַט שטראָמט אין הויז
פון ווינקעלעך פון קילע.
ס׳קוקט אין פענצטער אָפּענעם
דער קארשן־בוים ארײַן.
וויפל גוטסקײַט אין דער מוטערס
טונקלער אויגן־שײַן.
טראָגט זי שיינע עפל, בערעס,
רוט ניט, כ׳דאנק און כ׳דאנק.
קוים וואָס כ׳בעט זי אײַן, זיך זעצן
זאָל זי אף דער באנק.
און די הענט אף ברוסט פארלייגט זי,
זיך פארטרוימט, פארקלערט...

פּיל איך, אַז איר זון דעם ליבנס
קאָל אַצינד זי הערט.
ס'איז דער מאַמעס האַרץ אײַנגעאַנצן
דאָרט אין מינסק, באַם זון.
ווייס איך ניט, פאַרוואָס נעמט קלעמען
אויך מײַן האַרץ דערפון...

* * *

מײַן שאָכן, דו זיידעניו האַרציקער,
מיט אָפּשײַ איך היט אָפּ דײַן רו.
מײַן אײנציקע ביסטו גראַמאַטיקע,
דער ווערטערבוך מײַנער — ביסטו.
עס טרעפט, מיט אַן אויסדרוק איך סאָפּעק זיך
(די קלאָלים פֿאַרגעסן זיך פֿאָרט),
איז ווער איך דורך דיר אַ געהאָלפֿענער,
געפֿינסט גלײַך דאָס פּאַסיקע וואָרט.
באַכײנט און מיט קאָלערליי פּישטשעווקעס.
און, ווי אַ טריסקאַווקע פֿון בײט,
איז זאַפּטיק דאָס וואָרט, אַ פּאַרקישעפּטער
איך שעפּטשע מײַן שורע מיט פֿרייד.
מײַן לאָשן שטראָמט לעבעדיק, צאַפּלדיק,
טוט טיף מײַן נעשאָמע אַ ברען.
דאָס האַרץ מײַנס נעמט האַסטיקער קלאַפּן זיך,
אַ ציטער אין האַנט גיט די פֿען.
מײַן שאָכן, דו זיידעניו האַרציקער,
מיט אָפּשײַ איך היט אָפּ דײַן רו.
מײַן אײנציקע ביסטו גראַמאַטיקע,
דער ווערטערבוך מײַנער — ביסטו.

* * *

מײַן מאזלטאָוו, מײַן יויוול־טאָג
איך וויל אָף העט־העט שפּעטער איבערטראָגן —
מער כשיוועס זאָל מיר צוקומען און וואָג,
און זײַן זאָל איך סאָליד, אזוי צו זאָגן.

דערווײַלע בערג מיט מי מיר שטייען פאָר.
פאר רו איז צוגעשלאָסן מײַן אכסאניע.
און טאָג נאָך טאָג, און יאָר נאָך יאָר
זײַן אײַנגעטונקט איך וויל אין האָרעוואניע.

און דאָך איך גיי הײַנט אום פארכושט, פארטרוימט
(כ׳ווינטש יעטווידן זיך עלטערן אין פריידן).
מײַן יונגע ליד האָט הייס מיר אײַנגערוימט:
ביז הונדערט יאָר מיט מיר זיך ניט צעשיידן.

ניט קאפאלטעועס שמייכל

* * *

מע קאָן דאָך ניט ליב האָבן
אַלץ מיטאַמאָל.
בא איינעם דאָס כּיעס גייט אויס
פאַר פוטבאָל.
און ווער ס׳מאַכט א קערטל
מעסלעסנוויַיז, גריַנטלעך...
אַן אַנדערער האָדעוועט
קעצלעך מיט הינטלעך,
די פישעלעך פיטערט
אין גרויסן אַקוואַריום
און טאַפּט אַלץ דאָס וואַסער,
צי קאַלט איז, צי וואַרעם.
בא מאַנכע פון שאָך
ווערט אין האַרצן א לאָך.
און ס׳טרעפט, מ׳איז אין גאָלעס
בא די ראַדיאָלעס...
א צווייטן געפעלט גאָר
א האַרטער צוקאָפּן...
אבי זאַלבענאַנד
מיטן ביטערן טראָפּן.
ס׳האָט יעדער, זײַט מוחל מיר,
זײַן מעשוגאַס...
און איך האָב גאָר ליב

צו ארומגיין אין גאס
און שעפטשען פאוואָליע און גיך
מיט די ליפּן...
און ס׳זאָל איבער מיר זיך
א רעגנדל זיפּן...

* * *

דער עפּיגאָן און נאָכקרימער —
בלויז כויזעק, שפּאָט פּאַרדינט.
מע קאָן דאָס צווייטע מאָל ניט האָבן
א געבוירן קינד...

* * *

א קריטיקער כ׳קען,
וועלכער טײַטשט,
ווי ער וויל,
אי אזוי,
אי פארקערט,
אַף איין זעלבן קאַפּיל.
פאלט אים אײַן
דער גוט־יאָר
און ער טײַנעט:
— מינאָר!
ס׳קלינגט די שורע
צו שטיל,
ווי אן איינזאמע גריל
לעם א כאַרעווער מיל,
אָן א זין,
אָן א ציל... —
און צעשלײַדערט
די שפּיל...
גיט א דריי
זײַן קאַפּיל,
אַף דער זעלביקער ליד
רעדט קאפּויער שוין גאָר:
— ליא מאזשאָר,
— ליא מאזשאָר,

יעדעס וואָרט —
א קאדריל,
מיט א מוטיק
געפיל,
מיט א זין,
מיט א ציל..., —
און ער דרייט
פלינקערהייט,
הין־און־הער,
הער־און־הין,
ווען ער וויל,
ווי ער וויל
זײַן קאַפּיל...

באַם שפּיגל

די נעשאָמע מײַנע איז נאָך אַלץ אין קלעם.
גלײַך עמעץ האָט די פֿליגלען איר אונטערגעשאָרן.
כ׳דערמאָן מיך, ווי אין שלאַכט
בין איך געלאָפֿן דורך אַ פֿעלד מיט קאָרן.
דעם סוינעס קויל אַ פֿאַליע האָט געטאָן מײַן ברעם.
אַ צווייטע — דורכגעשאָסן מײַן פּילאָטקע.
אַ קוילנוואַרפֿער האָט געטראַסקעט, ווי אַ קאַלאַקאָטקע.
עס גרײַפֿט מײַן ראָטע.
איך שטיי ניט אָפּ. ס׳פֿאַרכאַפּט דער אָטעם...

עס טרעפֿט, באַם שפּיגל כ׳טו אַ זשמורע מיט אַן אײגל:
„דו לעבסט נאָך, כאַזמקע, דער פֿייגל?..״

* * *

מע לאכט פון מיר,
מיילע,
וואָס אין אלע מײַנע קעשענעס כ׳האלט געלט.
עס וואָלט זיך מיר ניט ווען אויסדערציילן
דעם סאָד דעם ביטערן און טריבן
פאר דער וועלט —
די עטלעכע רובליאַקעס מײַנע
און דאָס מינץ
כ׳צעשטעק אוואדע אין א זיבן שטעלן,
ווײַל טאָמער וועט מען פון א פינף
צי זעקס —
ארויסשלעפן,
זאָל מיר כאָטש אף דאָס בייטיקסטע ניט פעלן,
כ׳זאָל זײַן אן אָרעמער, נאָר דאָך — א פרינץ...

די זון די מאָרזשיכע...

אין טונקלען ווינטער־טאָג
איז קוקן שיין,
ווי פון צווישן א וואָלקן־שפּאַלט
זיך גליטשט די זון ארויס און פאלט
אין יאם אריַין... דאָרט ווערט גליַיך א באסיין,
א סאזשלקע א ליכטיקע. עס פליעסקעט זיך
און שפּריצט מיט קוועקזילבער
די זון, און, ווי א מאָרזשיכע,
זי באָדט זיך מיט האנאָע איינינקע אליין.
עס איז איר וויל, געראם
אין דעם גינגאָלדענעם באסיין
אין מיטן שווארצן יאם...

* * *

כ׳פּאַרטראַכט זיך אויף יעטווידן שפּאַן.
אין וואַלד איז דאָס מעגלעך אוואַדע.
ס׳דערלאַנגט די קוקאַווקע דעם פּלאַן
דער וואַלדישער פייגל־בריגאַדע.

מיט קוקו א זאַק אָנגעפּאַקט
און שיט... ס׳האָט קיין זין ניט צו ציילן...
אָן אָפּשטעלן, אָן אַן אַנטראַקט,
זי וויל איר קאָנצערט ניט צעטיילן.

זי דאַרף ניט קיין בראַוואָ און ביס,
אָן איבערײַס, נומער נאָך נומער.
און יעטווידער קוקו איז זיס
און שיין, ווי דער ליכטיקער זומער.

וואָס דאַרף מען זיי

איך שטעל מיך פאָר
דעם עכטן פאַרגעניגן,
אַז קיין זאַך אויף דער וועלט
וואָלט קרום ניט ליגן...
און אַז ס׳וואָלט ערגעץ
גאָרנישט ליגן קרום,
אַנטרינען וואָלטן שלעסער
אומעטום.
וואָלט אָן אַן ערעך זײַן
באַקוועמער, בעסער.
וואָס דאַרף מען זיי,
די שליסלען
און די שלעסער?

לאָז צורו

לאָז צורו
מיט דײַנע סוידעס, נײַסן,
כ׳וועל מיט זיי
דעם שטשאָוועל ניט פאַרווײַסן.

שוין באַקאַנט,
פון וועלכע טיר־און־טויער
ס׳קומט אהער
דײַן שושקען זיך אין אויער.

ס׳איז פאַר מיר אײַנגאַנצן ניט
קיין כילעק —
אַלע דײַנע גוזמעס
זײַנען ביליק.

די נעוויִעס דײַנע
און רעמאָזים —
אויסגעזויגט פון פינגער,
אויסגעבלאָזן.

ס׳איז א מאָשל
פון א טאָרבע פּלעקער.
דריי קיין היטל,
קעזעוו אַלץ און שעקער.

פאַק־פּאַפּיר
אין זייף־ און הערינג־קראָמען.
ניט מיט פּליאָטקעס
מאַכט מען זיך אַ נאָמען.

מיט דעריַין
ביסט קיינעם איצט ניט נוצלעך.
פּראָסט און פּאָשעט —
דו ביסט אַ לוי־יוצלעך.

טשעפּע מיך ניט
מיט די סוידעס, ניַיסן,
כ׳וועל מיט זיי דעם שטשאַוועל
ניט פאַרוויַיסן.

* * *

דעם גרויסן נאָכקרימער דעם שטאר,
אים קומט א פּרעמיע דערפאר,
וואָס ער כאפּט אויס מיט פארגעניגן
א פּרעמדע ליד, א פרעמדן ניגן.

פארגייט זיך אין די דינסטע טרעלן,
און גאָר ניט לײַכט איז פעסטצושטעלן
(גיי זײַ א בעריע און פארשטיי),
דער שטאר זינגט צי דער סאָלאָוויי.

א הונדערט יאָר אױף אױסצאָלן

אין לויפּעניש, אין האווענײש
אזױפיל צײַט צעריבן.
א ניט געענטפערט בריוול
ליגן איז געבליבן.

דעם כאווערס אדרעס אומגערן
מיט מילך האָב איך פארגאָסן.
און אָט אזוי ניט ווילנדיק
מיר קומען צו פארדראָסן.

און דרײַפּאכיק און צענפּאכיק
זיי לייגן זיך אין שיכטן.
צי וועלן קויכעס קלעקן מיר
די בלויזן אויספאריכטן —

א וואָרטסמאן זײַן, פאר קיין באלכוויוו
כ׳זאָל צווישן פרײַנט ניט שעמען.
א הונדערט יאָר אױף אױסצאָלן
ווען ערגעץ קאָן איך נעמען, —

כ'וואָלט ראַטעסוויַיז זיי אָפּגעבן
און מער כ'וואָלט שוין ניט לייַען.
אָן לויפּעניש, אָן האָוועניש
וואָלט צייַט אף אלץ מיר סטייַען.

* * *

וועץ דו פּרעסט דײַנע ליפּן צונויף,
זע איך אַלע דײַנע געדאַנקען,
גלײַך ווי דורכגיין פֿאַרבײַ כ'וואָלט א הויף
מיט א שיטערן פּלאַנקען...

* * *

כ׳ווייס ניט, צי ס׳איז לעבן
אָט אזוי קעדײַ,
בא א צווייטן שטענדיק
זײַן א פּאָפּוגײַ.

און אפילע נאָכטאָן
יענעמס זיפץ און קרעכץ.
אָנגעבויגן האלטן אויך
דעם קאָפּ אף רעכטס.

און ווי יענער, עסן
שטייענדיקערהייט.
פאר א שפיגל דינען
איז ער יענעם גרייט.

און, פארשטייט זיך, זוכן
באם יעדידי שוץ.
און געניסן ווילטיק
פון זײַן האָב־און־גוטס.

* * *

איך האָב דיר עפּעס ניט דערזאָגט...
קעדיי דאָס עפּעס צו דערזאָגן,
איך מוז זיך גוט פאנאנדעריאָגן,
מײַן צווייפל־פּלויט אריבערשפּרינגען.

און דאן ערשט כ׳ווייס ניט, צי פארמאָגט
כ׳וואָלט דרייסטקײַט און זיך קענען צווינגען
דיר זאָגן, וואָס כ׳האָב ניט דערזאָגט.
איך וואָלט א ליגן אָפּגעטאָקט...

* * *

אין דעם ווינטער־וואלד אין אָוונט
עגבערט מיך מײַן זינען:
ווי אנטרונען איז דער מוילעד? —
כ׳קען אים ניט געפינען.

האָט דען ניט א שמיד דעם מוילעד
צווישן אײַזן־זאכן
אײַנגעטונקט אין פעסל וואסער
א פאָדקעווע צו מאכן.

עס זאָל בלישטשען, עס זאָל בלאנקען,
ווי א זילבער־צאצקע.
קריך איך ביזן בויך אין שניי,
פויזע אף קאראצקעס,

זוך דעם מוילעד אינעם הימל.
קומט מיר אוף א סוואָרע —
איז ער ניט אראָפגעפאלן
צו דעם פוקס אין נאָרע?

און דער זשעדנער פוקס מיט סלינע
לערנט זײַן געזינדל:
— אָט אזוי, זעט, פיקסלעך, אויס
א פאָלקע פון א הינדל.

אָדער עפּשער האָט א ווערוריק,
אז די וועלט זאָל שטוינען,
פלינק א כאַפּ געטאָן דעם מוילעד
פון די סאָסנע־קרוינען?

נאָר אָט בלײַב איך שוין אָן קויכעס,
אינעם שנײַ פאַרזינק איך.
מיטאמאָל אין מײַנע אויגן
ליכטיק זיך צעפינקלט

ניט דער דינער סערפּ דער מוילעד —
ענלעך אַף מײַן גימל —
ס׳שווימט א קײַל׳כיקע לעוואָנע
אינעם בלויען הימל.



דרײַ גערוישן

איך טראָג אין רעכטער האַנט אַ קויש
מיט ברויזנדיקן יאַם־גערויש.

און אין דער לינקער כ׳האַלט אַ קויש
מיט כּיִעסדיקן וואַלד־גערויש.

נאָר ביידע קוישן טייקעף כ׳טויש —
אַף הערן בלויז דאָס שטיל גערויש

פֿון דײַנע טריט איבערן זשוויר
באַם יאַם, ווו כ׳אײַל אַנטקעגן דיר...

* * *

באם ברעג פון יאם, בא אָט דעם ווײַסן שטיין,
כ׳בין מיט א פערטל הונדערט יאָר צוריק געשטאנען.
כ׳פלעג ווארטן, ביז די פלאמענדיקע זון ט׳פארגיין.
דערנאָך פארבײַ די שוימענדיקע כוואליעס שפאנען.

די טרײַע אייביקײַט — אָט ווי זי שטייט און גייט,
האָט, דוכט מיר, ניט געענדערט זיך קיין טראָפּן,
דער זעלבער גרינער בארג באם יאם צוקאָפּן,
די זעלבע גלײַך־פּײַערדיקע זון פארגייט.

מעייווער דאָרט לעיאם, אויב כ׳האָב קיין טאָעס ניט, —
פונדאנען איז מיר שווער זיי צו באמערקן, —
שפּאצירן אום מיט שמאָלן אויגן־שניט
די זעלביקע ברייטפּענעמדיקע טערקן.

אפילע איך אליין, פון ערשטן אויגנבליק,
האָב זיך, מיר שײַנט, ניט איבעריקס געמינערט.
ווי דאן — א זשוואווער באָכער, נאָך א גרינער —
איך זאפּ מיט שטוינונג אײַן דעם יאמס מוזיק.

די שווערע יאָרן קריג, די פּלאָג און ווײ
זיך טראָגן האסטיק דורך פארבײַ, ווי שוואלבן.
פארגעס איך, אז מיט פיס מיט אָנדערהאלבן
באם ברעג פון שווארצן יאם אצינד איך גײ.

* * *

וי האלט עס אויס דער בארג
אזעלכע וואָלקנס שווערע?
ס׳איז גרויליק גרויס די לאסט,
ס׳איז פראָסט — אווידאס־פּערעך.

נאָר ס׳דויערט גאָר ניט לאנג —
פון כמארעס בלײַבט קיין זייכער.
בלויז אפן שפּיץ פון בארג
א וואָלקנדל זיך רייכערט.

און ס׳לויכט אפסנײַ דער בארג,
זײַן שיינקײַט ניט פארלוירן.
דער גרינער וואלד אף אים
ווערט פריש, ווי נײַ־געבוירן.

צופוסנס בארג — דער יאם.
פארברוינטע, אויסגערוטע,
אין כוואליעס טאנצן מיר,
ווי קינדער פון איין מוטער...

אזא געשאנק

איך בין קיין טראָפּן ניט מעגאזעם —
ס׳איז ווייניק זאָגן דיר א דאנק.
האָסט מיר געבראכט אזא געשאנק! —
פון בערג באוועלדערטע קאווקאזער
מיר פּאָזעמקעס באם יאם דערלאנגט.

די דינע שטענגלעך אויסגעגראָבן
צוזאמען מיט די וואָרצלען האָסט.
כ׳האָב זיי אריַינגעשטעלט אין גלאָז.
מע דארף אין הארצן גאָט ניט האָבן
אין מויל די יאג׳דעס נעמען פּראָסט.

די בלעטעלעך אין וואסער פרישן
געקומען צו־זיך זיַינען באלד,
און ס׳האָט מיט וויַיסרוסישן וואלד
א שמעק געטאָן, מיט כוואָיע זיסער,
ווו יעדער פּאָזעמקעלע שטראלט.

איך בין קיין טראָפּן ניט מעגאזעם —
ס׳איז ווייניק זאָגן דיר א דאנק.
האָסט מיר געבראכט אזא געשאנק! —
פון בערג באוועלדערטע קאווקאזער
מיר פּאָזעמקעס באם יאם דערלאנגט.

* * *

איך לעב אצינד בישכיינעס מיטן יאם,
און כאָטש ער הערט נישט אויף צו זידן און צו קאָכן,
נאָר כ׳פיל נישט אין זיַין שוים קיין טראָפּן סאם —
א גאָלדענער, א וואונדערלעכער שאָכן.

דאָס לידעלע אינגאַנצן

ווײַל לידער, זון
פֿונדײַנעטוועגן,
ווי די טראָפּנס
פֿונעם זונען־רעגן.
ווען סטו איבערציילן
אַלע טראָפּנס,
לייג איך דיר אַוועק
די זון צוקאָפּנס.
וועלן קומען פֿרײַ
צו לויפֿן העזלעך,
קוקן אויף דער זון
דורך גרינע גלעזלעך.
טאָמער וועט אַ האָז
דיך נעמען וועקן,
זאָלסטו אים, איך בעט דיך,
ניט דערשרעקן.
וועט דער האָז מיט זונען־בליטן
טאַנצן.
האָסטו דיר דאָס לידעלע
אינגאַנצן.

פּריזיוו־ליד

כ׳זע שוין, מאמע, ווי דו קווענסט,
ווען דו האלטסט מײַן בריוול —
ס׳טראָגט דײַן זון שוין א שינעל
און געזונטע שטיוול.

ס׳איז דײַן זון עס טראָגן ווערט,
מעגסט מיט אים שטאָלצירן,
ער וועט פאָרן אף א פערד
צווישן קאָמאנדירן.

פארן פרייד פון ארבעט־פּאָלק,
מאמע, פארגעדענק עס! —
בין איך הונדערט טויזנט מאָל
גרייט מײַן לעבן שענקען.

מאמע, ווייסט דאָך, כ׳האָב דיך האָלט,
כ׳דארף אף דעם ניט שווערן,
נאָר דו ווייסט ניט, ווי כ׳האָב האָלט
דעם פײַערדיקן שטערן.

פּילקע

מיט דער פּילקע
איבער דיל,
פּילקע, פּילקע,
פּילקע, שפּיל.

פּילקע, קלאַפּ זיך אָן
אָן וואַנט,
און צוריק
צו מיר אין האַנט.

איצט דעם באַלקן
טו א ריר,
און אין היטעלע
צו מיר.

פּילקע, פֿאָלג מיך,
פּילקע, פֿאָלג,
פֿלינקער, פֿלינקער,
נאָכאַמאָל.

איצטער זעט נאָר,
וואָס איך קען:
אָט איך לייג צונויף
די הענט.

און די פּילקע
אָט־אָט פֿאַלט,
נאָר איך כאַפּ זי שוין —
איך האַלט.

איצטער זעט נאָר,
וואָס איך טו:
אָט די אויגן
מאַך איך צו.

און די פּילקע
וואַרף איך — איינס.
און געכאַפּט,
געכאַפּט אַליינס.

מיט דער פּילקע
איבער דיל,
פּילקע, פּילקע,
פּילקע, שפּיל.

פּילקע,
ווו דו זאָלסט ניט זײַן —
אין די הענט צו מיר
אַרײַן.

דער קלוגער זון

— עסן, מאמעלע, מיר גיב!
אָבער דאָס, וואָס איך האָב ליב.
— זונעלע ליבער, זונעלע גוטער,
קום, כ׳וועל דיר געבן ברויט מיט פּוטער.

— ברויט מיט פּוטער האָב איך ניט ליב,
דו בעסער פּוטער מיט ברויט מיר גיב.
— זונעלע לעבן, זונעלע פרייד,
איז קום, כ׳וועל דיר געבן פּוטער מיט ברויט.

— פּוטער מיט ברויט האָב איך ניט ליב.
דו בעסער ברויט מיט האָניק מיר גיב.
— זונעלע פײַנער, געבן דיר קאָן איך
ברויט מיט גוטן בינשטאָק־האָניק.

— ברויט מיט האָניק האָב איך ניט ליב,
דו בעסער האָניק מיט ברויט מיר גיב.
— זונעלע טרייסט, זונעלע פרייד,
איז קום, כ׳וועל דיר געבן האָניק מיט ברויט.

— האָניק מיט ברויט האָב איך ניט ליב,
דו בעסער ברויט מיט שמאַלץ מיר גיב.
— זונעלע כאָכעם, זונעלע לעבן,
מע דאַרף דיר ברויט מיט סייכל געבן.

און וועסטו ניט אופהערן, זונעלע פרייד,
וועל איך דיר געבן סייכל מיט ברויט.

אונדזער קאַץ

די נאַשערקע די קאַץ,
זי ווייסט דאָך אַף קיין האָר ניט,
וואָס אַזוינס — מע טאָר,
און וואָס אַזוינס — מע טאָר ניט.

אָ, וויפל קלעפּ זי כאַפּט,
פון אויגן פליִען פונקען.
אין סמעטענע אַלצייִנס
די וואָנצעס וועט זי טונקען.

די מאַמע מיטן האַנטעך
איז איר גוט פאַרפאָרן,
די באָבע זאָגט: „אומזיסט,
אַ קעצישער זיקאָרן״.

גוט איז דער קוואַטשקע

ס'איז ווויל דער קוואַטשקע,
אויסגעבריט
א פלוימע
פוכיק־געלע הינדעלעך
און דאַרף פאַר זיי ניט נייען,
קאָנטעווען
און זוימען
העמדעלעך און ווינדעלעך,
איז פריַי פון האָווען אין די מאַגאַזינען,
געפינען לויט דער מאָס
סאַנדאַליקלעך
און שיכעלעך
און טאַפּקעס.
פון פריי־באַגינען
שוין קוויטשעט, שפּרינגט די פּלוימעטשקע אין מיסט
מיט שטיַיף־פאַרהאַרטעוועטע לאַפּקעס.

דער סימען

אנטרונען איז פון הויף געוואָרן
אונדזער ווײַסינק הענדל.
געוועזן א סימען אף זײַן פיסל —
פון א שוך א בענדל.

נאָר הענער זײַנען דאָ א סאך
און ווײַסע אויך דערינען.
די באָבע גייט ארום און זוכט
דעם סימען צו געפינען.

און איך אין אלע לעכער קריך
און קלעטער אין די שטאלן.
— ווו ביסטו, ליבינק הענדעלע? —
ניטאָ, ניטאָ, פארפאלן — — —

אינהאלט

הער זיך איַינעט

זיַיט

„מיט א קלומעקל...״ 7
הער זיך איַינעט... 9
„וואָס זשע רירסטו, באַן, זיך...״ 11
„עס גייט שוין מיַין יאָר...״ 12
ס׳מוז די קלאָרקיַיט בלאַנקען 14
פון דער רויטער ארמיי 15
ס׳טרעפט... 17
„גיי איך שטאָלץ, מע זאָל ניט וויסן...״ 19
דאָס מיידל, וואָס איז אלט זיבעצן יאָר 20
„פריי זיך, זונעלע, צוויטשע, פיַיף!..״ 22
באנאכט 23
דער קוקאווּעס בענטשן 25
איך וויים ניט, וואָס טוט מען 26
דער קארשנבוים 28
„וואָס קאָן שענער זיַין...״ 30
„כ׳האָב קליינערהייט זיך שטארק געשעמט...״ 32
„די זון די פיַיערדיקע זינקט אין יאם...״ 33

אין ביטערע שלאכטן

סאָף יון איין און פערציק 37
אין דער זעלבער רעגע 39
א פריוואל אף רעכטס 40
מיוס־טיַיך 41
די מינוט די אויסדערוויילטע 43
ס׳איז געווען אונטער ווארשע 45

פול מיט פײַער ... 47
אין מארש ... 48
אין פעלד־שפיטאָל ... 50
אין אוראלער שפיטאָל ... 52
מײַן שיסער־באטאליאָן ... 53
אפרעל פינף און פערציק ... 55
אז עס קומט דער פארנאכט... ... 57
ווען איך פארמאך די אויגן... ... 61
אין א נאכט אָט אזא ... 62
ער האָט אלץ מיך נאָך ליב ... 64
אין דין־געשליפן גלאָז ... 66
א מוטער באָדט איר אייפעלע ... 68
די ליד וועגן דער רויטער פאָן ... 69
„ווען ס׳פלעגט דער פײַנט א שאָס טאָן פון הארמאט...״ ... 70
אף איין פוס ... 71
מיט זין מיט סאמע טרײַע ... 72
„איך בײַל צונויף אין פויסט מײַן קויעך...״ ... 74
אפן גאנעקל ... 75
„געהאָגלט האָט אף מיר מיט שפליטערס און מיט פלאם...״ ... 76
זינט דאן ... 77
נאָך יאָרן קריג ... 78
קוקו, דערקענסט מיך? ... 79
1945 — 1941 ... 80

דער קלאָרער שניי

ווינטער אין ביראָבידזשאן ... 83
זײַט וויסן ... 85
איך ווינטש ... 86
„נישט אנטויש זיך, מײַן טויב, נישט אנטויש...״ ... 87
„כ׳וואָלט וועלן, ס׳זאָלן לעבן זייער לאנג...״ ... 88
„א לעבן אָפּגעלעבט אָן פערל...״ ... 89
אָט דערפאר ... 90
„די קוסטעס מיט אנטבלויזטע ריטלעך...״ ... 91
„פארגעסן כ׳האָב די טויזנטער באפעלן...״ ... 92
„די אלטיטשקע, וואָס פונעם מערקל גייט...״ ... 93
„דער קלאָרער שניי אין פעלד...״ ... 94
פרײַע פייגעלעך ... 95
„א דאנק דיר, הייסער זומער...״ ... 97

נאכסאָל	99
„נעמסטו מיך פון אָסיען־וואלד אוועק...״	100
„באנאכט, די קינדער שלאָפן שוין, איך שפיר...״	101
„אין יונגן סאָד...״	102
„אזויפיל שישקעס אף דער יאָדלע־קרוין...״	103
„כ׳האָב ליב די שטילקייט אינעם וואלד...״	104
„באנאכט, ווען אין דער אָנגעהייצטער שטוב אין וואלד...״	106
„ווי טײַער זײַנען מיר די שטילע רעגעס...״	107
„עס קלאפט מײַן הארץ. זאָל אלצדינג זײַן קעשורע...״	108
„ווען ס׳שלאָפט אין אָוונט אײַן מײַן טרייסט...״	109
„א קישעף־מײַסעלע....״	110
„נעמסטו שפּילן...״	111
„א טראָפעלע הייבסטו דעם קאָפּ אוף...״	113
„גייסטו נאָר...״	114
„קיין שטערנזעער בין איך ניט...״	116
אין א זאווײ	117
וואָלט איך פרעגן	120
„בא מיר שוין דעמלט איז...״	121
„ווען איך שטרעק אויס מײַן מידע האנט...״	122
צווײ ציגעלעך	123
בײַ דער מײַרעוו־דווינע	124

דער שפּיגל פון יאם

„וואָס שטארקער דיביימער אין וואלד זיך צערוישן...״	127
„אזוי ווי סענדערל...״	128
„ס׳איז מיט גאָרנישט געזיכערט דער ליכטיקער שפּיגל פון יאם...״	129
אין קאפּוליער וואלד	130
דער זיידע אונדזערער	132
„מײַן בכאָר כ׳האָב א נאָמען געגעבן נאפטאָלע...״	133
„מײַן סטארשינא האָט מיך אזוי געכאָוועט...״	134
„כ׳קוק מיט ציטער...״	135
„דער ווינט אף דער אָסינע גיט א שפּיל...״	137
„ניט סטראשע מיך, די יאָרן מיר ניט צייל...״	138
„איך פּײַל דאָס וואָרט...״	139
„אין מאכשאָוועס מײַנע״	140
דער פּונקט	141
מײַן דאָפּל־וואלד	142
„ווידער א דערציילונג: מענטשן ווילע...״	143
„אין גאס אין פראָסטיקער מיר קומט אנטקעגן...״	144

„זאָג, ווען ס׳טו נאָכגיין, מײַן שאָטן...״ 145
„דו זאָגסט...״ 147
„וויפל שטייען מיר נאָך פאַר באגינענס...״ 148

גאָלדיקס

„אוי, די ווידערשפרוכן!..״ 151
„די צײַט וועט אונדז ניט איין מאָל נאָך...״ 152
אין אָנגעלאָף פון ווינט 153
„שטרענגע קיפאַריסן...״ 154
„און וואָס מיט מיר זאָל ניט פּאַסירן...״ 156
„פאַרוואָס אזוי צו צווייפלען מיך צײַט?...״ 157
„האָסט מיר אָפּגעטאָן אף טערקיש...״ 158
אפן שטעטלשן יאַריד 159
„אָ, שויטע בען פּיקהאָלץ...״ 160
„איך וואָלט, ווי דער שטורעם, וואָס שויבערט....״ 161
צוויי בעריאָזעס 162
די רויקײַט 163
די ברייִרע 164
א שטיין צוקאָפּנס 165
מײַן מאמע 166
„א קינד — אָט ווייִנט עס...״ 167
„כ׳פאַרהענג באדערנאכט ניט...״ 168
„איך וועל א שטילער, באַרויִקטער ליגן...״ 170
יונגוואַלד 172
דער זשאַר נאָך טליִעט 173
אָנהייב מאַרט 174
„מײַן סאנאַטאָריע, ווי א שניי־געצעלט...״ 175
„דער פּיקהאָלץ, פון באָר...״ 176
„ווי דו זעסט...״ 178
„נו, דאכט זיך, וואָס...״ 179
„וואָס עלטער ווער איך...״ 180

מײַן גוטע טויב

„מײַן גוטע טויב — דו ביסט מײַן ליבע מאכט...״ 183
„ניט אנדערש, ווי דו ווילסט זיך מיט מיר רייצן...״ 184
„א ווינטל בלעטער שיט אף אונדז און שיט...״ 185
„אין בונטן פּילקאָלירנדיקן קלייד...״ 186
„איך טרײַב אין קאַרק זיך נאָכאנאנד...״ 187

„פאר דיר מײַן הארץ...״ 188
„װערסט אומעטיק...״ 189
„זע, איין װאָרצל דרײַ בעריאָזעס אױסגעכאָװעט האָט...״ 190
„די אױער־לעפּלעך דײַנע צארטע...״ 191
„איך רוף אין דימיען דײַן געזיכט...״ 192
„געבענטשט איז דאָס שװײַגן...״ 193
„מײַן לוסטיק לעבעדיק בלימל...״ 194
„א גאנצן טאָג דער רעגן גייט און גייט...״ 195
„אז צװישן מענטשן שעם איך זיך...״ 196
באם פענצטער שטיי 197
„װען פּונעם בארג־אראָפּ, אף אספאלטירטן שטעגל...״ 198
„דו גלייבסט מיר ניט...״ 199
„װען פארמאָגט װאָלט איך, מײַן ליבסטע...״ 200
„איך װארט אף דיר באטאָג...״ 201
די װערבע־צװײַגלעך 202
„איך לעב און שאף...״ 203
„א גאנצן טאָג איך װיש און פּוץ...״ 204
„ס׳דרייט א זאװערוכע, ס׳רױשט דער פּארק...״ 205
„בלױז נאָך איין שטריכעלע...״ 206
„אף שניי־שיך גיך א מיידל פאָרט אין רױטן היטעלע...״ 207
„װען כ׳פאל ארײַן...״ 208
„א שישקע איז געפאלן אף מײַן שטערן...״ 209
אונטער פּיר אױגן 210
„אף דײַן מידן פּראָפּיל פאלט מײַן בליק...״ 212
אָדליגע 213
„דעקאבער־נאכט. לעם שװארצן װאלד...״ 214
„איך האָב א געװױנהײַט צו הערן און גלױבן...״ 215
אפן פּלאַץ „װערא כאָרוזשע״ 216
מײַן ראבינע 217
די פּליעסטשעניטשער ראבינעס 218

שארף, און פּוץ, און שײַער

„דערלאנגסט א שלײַדער...״ 221
„איך פאל בא זיך ניט אראָפּ מיט מײַן ליד...״ 222
„מעגסט פלאָנטערן און אָלכע מיט א בוק...״ 223
„הינטער הױכע בערג...״ 224
איינעם א פּאָעט 225
א ביסל דיכטערישע זעלבסטקריטיק 226
„ס׳איז אלץ בא דיר...״ 227

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט 228
„כאַמישים ווערט מיר, דאָך ניט אַלט...״ 229
„כ׳שטיי באַ דעם ווײַסן ווינטער־פעלד...״ 230
מײַן פּרײַנט דעם ווײַסרוסישן פּאָעט 231
„איך ווויין אין וואַלד...״ 232
באַ דעם דיכטערס מוטער 233
„מײַן שאָכן, די זיידעניו האַרציקער...״ 235
„מײַן מאזלטאָוו, מײַן יוּיוול־טאָג...״ 236

מיט באַהאַלטענעם שמייכל

„מע קאָן דאָך ניט ליב האָבן...״ 239
„דער עפּיגאָן און נאָכקרימער...״ 241
„אַ קריטיקער כ׳קען...״ 242
באַם שפּיגל 244
„מע לאַכט פון מיר...״ 245
די זון די מאָרזשיכע 246
„כ׳פאַרטראַכט זיך אױף יעטווידן שפּאַן...״ 247
וואָס דאַרף מען זיי 248
לאָז צורו 249
„דעם גרויסן נאָכקרימער דעם שטאַר...״ 251
אַ הונדערט יאָר אױף אויסצאָלן . . . . 252.
„ווען דו פּרעסט דײַנע ליפּן צונויף...״ 254
„כ׳ווייס ניט, צי ס׳איז לעבן...״ 255
„איך האָב דיר עפּעס ניט דערזאָגט...״ 256
„אין דעם ווינטער־וואַלד אין אָוונט...״ 257

נאָכעס

דרײַ געראַנשן 261
„באַם ברעג פון יאַם, באַ אָט דעם ווײַסן שטיין...״ 262
„ווי האַלט עס אויס דער באַרג...״ 263
אַזאַ געשאַנק 264
„איך לעב אַצינד בישכיינעס מיטן יאַם...״ 265
דאָס לידעלע אינגאַנצן 266
פּריזיוו־ליד 267
פּילקע 268
דער קלוגער זון 270
אונדזער קאַץ 271
גוט איז דער קוואָטשקע 272
דער סימען 273

Мальтинский Хаим Израилевич

ГОДЫ, ГОДЫ МОИ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1973, 280 стр.
План выпуска 1973 г. № 287.

Художник *Г. А. Кравцов.*
Редактор *А. Ю. Гонтарь.*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин.*
Техн. редактор *Т. С. Казовская.*
Корректор *А. Б. Стрельник.*

Сдано в набор 18/I 1973 г. Подписано к печати 3/IX 1973 г. Бумага 70×108 1/32 № 1. Печ. л. 8 3/4 (12,25). Уч.-изд. л. 5,82. Тираж 1150 экз. Заказ № 38. Цена 62 коп. Издательство «Советский писатель». Москва, К-9, Б. Гнездниковский пер., 10. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.